בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

שנאמרה בסעודה שלישית בעידן רעוא דרעוא

## נשא תשכ"ז

**דברים חוצבים מלהבות אש**

בחומר הענין לשבח מעשי הרשעים, והאיסור לילך לכותל המערבי
ושלא להתפעל מהצלחת הרשעים בעולם הזה

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י

**מערכת ״לשון קדשו״**

מאנטריאל קאנאדא

1-514-585-3040

**קונטרס 26** מהדורא ב

20

## לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע 972-72-3333419+)

צו הערן די תורה **ס״ג נשא תשכ״ז**

דרוקט: **#→227→4→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

**קלאָר** (46 מינוט)

לע״נ האי צדיק חסידא ופרישא גדול בתורה וביראה

הרה״צ רבי **יחזקאל שרגא** בן הרה״צ רבי יואל זוסמאן זצ״ל **מערץ**

נפטר ביום א׳ דשבועות תשע״ב לפ״ק

לעילוי נשמת הצדיקת המפורסמת במעשי הצדקה והחסד

**הרבנית אלטא פיגא בת הרה״צ רבי אביגדור ז״ל**

**אשת חיל עטרת בעלה**

אשר מסרה נפשה בכל כוחה עבור מרן רביה״ק זי״ע

נפטרה ביום י״א סיון תשס״א לפ״ק

KolSatmar.com

## קושיות ודיוקים בפסוק נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר, נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם.**

**א**

**קושיא א**

תיבות גַּם הֵם מיותרים

א) פרעגט מען די קשיא וואָס איז דער "גַּם הֵם", ס'איז דאָך איבריג, [דהיה סגי לומר רק] נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן.

**ב**

**קושיא ב**

שינוי הלשון בין בני קהת לבני גרשון

ב) נאָך פרעגט מען, ביי די בני קהת [סוף פרשת במדבר] שטייט "לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם", און דאָ [בבני גרשון] שטייט "לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם".

**ג**

**קושיא ג**

במדרש דורש הפסוק לֹא יִגְרַע מִצַּדִּיק "עֵינָיו", על יעקב אבינו שֶׁחָמַד הבכורה מעשו ולקחה בדמים, והסכים הקב"ה על ידו

דער מדרש זאָגט[א], **נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן, זה שאמר הכתוב** (איוב לו, ז) **לֹא יִגְרַע מִצַּדִּיק עֵינָיו.** הקב"ה לא מָנַע מיעקב דוגמא [דידיה] מה שרוצה לראות בעיניו, שֶׁחָמַד את הבכורה, ער האָט געגלוסט די בכורה, און ער האָט עס אָפּגעקויפט פון עשו'ן, ברענגט ער די גאַנצע מעשה, אַז מ'האָט אים [עס] געגעבן [שהקב"ה הסכים על ידו וקראו הקב"ה בְּנִי בְכֹרִי ונתן גדולה לבכורים שיקריבו לפניו וכו'], ואין "עיניו" אלא תחתיו, ומהו "תחתיו" אלו בניו, שנאמר (תהלים מה) 'תַּחַת' אֲבֹתֶיךָ יִהְיוּ 'בָנֶיךָ'.

וצ"ב מה שקורא זה בשם "עיניו", דמשמע דהיה רק רצון וצפייה לזה, והלא גם במציאות קנה אותה למעשה

ג) לכאורה ברויך מען פאַרשטיין וואָס איז דער "עֵינָיו", ער האָט 'געוואָלט' האָבן די בכורה. דאָס איז דאָך אַ מציאות זאַך, די עבודה איז געווען בבכורות.

ווי תוספות ברענגען דאָרטן - די **בעלי התוספות** - פון **רבי יהודה החסיד**[ב], [אַז] מ'מעג אויספּאָפּן אַ דְבַר מִצְוָה פון אַ רשע, אַז [=אויב] ס'איז אַ 'דבר מצוה'. [ולכן] האָט ער ביי אים צוגענומען די בכורה.

וואָס איז דער "עיניו" [דמשמע דהיה רק צפייה ורצון], ער האָט 'געוואָלט זען' מיט די 'אויגן', ס'איז דאָך אַ "מעשה" [שעשה כן למעשה], ער האָט אָפּגעקויפט [בפועל] און ער איז 'געווען' בכור.

**ד**

## קושיות ודיוקים בפסוקי ברכת כהנים

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר וגו' כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם. יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ.**

---

[א] **במדרש רבה** (ו, ב). נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ וגו', הה"ד לֹא יִגְרַע מִצַּדִּיק עֵינָיו, אין הקב"ה מונע דוגמא דידהו, לפי שמצינו שיעקב חמד את הבכורה לשם שמים כדי שיוכל להקריב, ולקחה מעשו בדמים, והסכים הקב"ה עמו וקראו בְּנִי בְכֹרִי, ונתן גדולה לבכורים שיקריבו לפניו, הוי לֹא יִגְרַע מִצַּדִּיק עֵינָיו, ואין "עיניו" אלא תחתיו, כמה דתימא (ויקרא יג, ה) וְהִנֵּה הַנֶּגַע עָמַד בְּעֵינָיו, ומהו "תחתיו" אלו בניו, כמה דתימא (תהלים מה, יז) תַּחַת אֲבֹתֶיךָ יִהְיוּ בָנֶיךָ וכו'.

[ב] **בדעת זקנים מבעלי התוספות** (תולדות כה, לד). וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת הַבְּכֹרָה. פירוש מכבר היה מבזה אותה, ועל כן לקחה יעקב ממנו. ונמצא בספר ר' יהודה החסיד מכאן אתה למד שאם יש ביד רשע ספר תורה או מצוה אחרת, דמותר לצדיק לְרַמּוֹתוֹ וליטלו ממנו.

KolSatmar.com

**קושיא ד**

במדרש מביא הפסוק אֲמַרְתֶּם שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים וגו' גַּם נִבְנוּ עֹשֵׂי רִשְׁעָה,
ומפרשו על מה שמתרעמים בגלות כשלחוצים ודחוקים תחת עשו, וצ"ב השייכות לכאן

**כֹּה תְבָרֲכוּ. זאָגט דער מדרש[ג] - אין מדרש רבה - זה שאמר הכתוב אַל תְּקַנֵּא אין אַ רשע, ברענגט ער דאָרטן פסוקים אַז מ'זאָל נישט מקנא זיין עשו'ן, [בראותינו] ס'גייט אים גוט.**

**אידן זענען מתרעם בגלות** [שהם משועבדים תחת אדום], **קאָן זיך טרעפן** [שיתרעמו] **זאָגט ער** [במדרש], **ער ברענגט צו דעם פסוק** [דלהלן], **אַז אידן אין גלות** [עתידים להתרעם על זאת כשם שאמר מלאכי] **שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים וגו' גַּם נִבְנוּ עֹשֵׂי רִשְׁעָה,** [לפיכך אמר רוח הקודש אל תקנאו באיש חמס] **זה עשו** [והם מתלוצצים בכל יום על ישראל על הצרות הבאות עליהם].

**אַ גאַנץ אריכות, אַ גאַנצער דרוש באריכות דאָרט** [במדרש].

**ד)** [וצ"ב] **ס'האָט דאָך קיין שום שייכות נישט אַהער, מיט דעם פסוק כֹּה תְבָרֲכוּ.**

**ה**

**קושיא ה**

ברש"י מפרש, יברכך ה' בממון, וישמרך שלא יבואו עליך שודדים

**יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ. זאָגט רש"י[ד] יְבָרֶכְךָ ה' בממון[ה], וְיִשְׁמְרֶךָ, אַ בשר ודם קען נישט אָפּהיטן,** [אָבער] **הקב"ה קען אָפּהיטן מן הליסטים.**

וצ"ב דאם אין שמירה להממון אין כאן ברכה בממון, ואם כן כבר נכלל הכל בברכת "יברכך", ולמה צריך עוד ברכת "וישמרך"

**ה) וואָס דאַרף מען אַן עקסטערע ברכה** ["וישמרך"], **אַז מ'נעמט עס צו חלילה איז דאָך עס נישט קיין ברכה, איז גענוג "יברכך"** [דבזה כבר נכלל גם השמירה מן הלסטים, ועדיין צ"ב אומרו וישמרך].

**ו**

**קושיא ו**

במדרש יש כמה פירושים על "וישמרך", ואחד מהם הוא "ישמור לך את הקיץ", וצ"ב

**ו) אין מדרש** (במדב"ר יא, ה) **איז דאָ זייער אַסאַך פשטים אין "וְיִשְׁמְרֶךָ".**
**יברכך ה' וְיִשְׁמְרֶךָ מן המזיקים, דאָס איז איין פשט.**
**וְיִשְׁמְרֶךָ, ישמור לך ברית אבותיך.**
**נאָך איז דאָ אַ פשט ישמור לך את הקץ, ער וועט אָפּהיטן דעם קץ.**

---

[ג] **במדרש רבה** (יא, א). כֹּה תְבָרֲכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו', הדא הוא דכתיב (משלי ג, לא) **אַל תְּקַנֵּא בְּאִישׁ חָמָס וְאַל תִּבְחַר בְּכָל דְּרָכָיו.** [כִּי תוֹעֲבַת ה' נָלוֹז וְאֶת יְשָׁרִים סוֹדוֹ. מְאֵרַת ה' בְּבֵית רָשָׁע וּנְוֵה צַדִּיקִים יְבָרֵךְ. אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ וְלַעֲנָוִים יִתֶּן חֵן. כָּבוֹד חֲכָמִים יִנְחָלוּ וּכְסִילִים מֵרִים קָלוֹן]. "איש חמס" זה עשו הרשע וכו', לפי שהיה גלוי לפני הקב"ה שעתידין ישראל שיהיו משועבדים תחת אדום ויהיו דחוקים ולחוצים ביניהם, ועתידים ישראל להתרעם על זאת, כשם שאמר מלאכי (מלאכי ג, יד-טו) **אֲמַרְתֶּם שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים וּמַה בֶּצַע כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ וגו' וְעַתָּה אֲנַחְנוּ מְאַשְּׁרִים זֵדִים גַּם נִבְנוּ עֹשֵׂי רִשְׁעָה גַּם בָּחֲנוּ אֱלֹקִים וַיִּמָּלֵטוּ**, לפיכך אמר רוח הקודש ע"י שלמה **אַל תְּקַנֵּא בְּאִישׁ חָמָס**, אל תקנאו בשלום עשו הרשע, וְאַל תִּבְחַר בְּכָל דְּרָכָיו, שלא תעשו כמעשיהם. למה וכו' שהנה היום יבא שֶׁיִּתָעֵב האלקים כל מי שהיה מליז במצות, הה"ד כִּי תוֹעֲבַת ה' נָלוֹז וכו', אבל מי שמיישר ארחותיו לפניו הוא יהיה מאנשי סודו, הה"ד וְאֶת יְשָׁרִים סוֹדוֹ וכו', ואומר (מלאכי שם, יח) **וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע בֵּין עֹבֵד אֱלֹקִים לַאֲשֶׁר לֹא עֲבָדוֹ** וכו'. וְלַעֲנָוִים יִתֶּן חֵן, אלו ישראל שהם עניים ביניהם ומהלכים בענוה בתוכם וסובלים עולם עליהם כדי לקדש שמו של הקב"ה, שעתיד הקב"ה לחון עליהם לעשות דין בהן וכו'. כָּבוֹד חֲכָמִים יִנְחָלוּ, אלו ישראל שהם נקראו חכמים בעת שהם עושים את התורה ואת המצות.

[ד] **ברש"י. יברכך**, שיתברכו נכסיך. **וישמרך**, שלא יבאו עליך שודדים ליטול ממונך, שהנותן מתנה לעבדו אינו יכול לשמרו מכל אדם, וכיון שבאים לסטים עליו ונוטלין אותה ממנו מה הנאה יש לו במתנה זו, אבל הקב"ה הוא הנותן הוא השומר.

[ה] כן הוא לשון המדרש רבה (יא, ה) ותנחומא (סימן י).

KolSatmar.com

### ז
### קושיא ז

בפסוק כה תברכו, מעתיק התרגום יונתן כל הברכת כהנים מלה במלה כלשון הפסוק, ואח״כ מפרש בלשון תרגום

דער תרגום יונתן זאָגט כֹּה תְבָרְכוּ. בְּהָדֵין לִישָּׁן [יֵימְרוּן לְהוֹן] יְבָרֶכְךָ ה׳ וְיִשְׁמְרֶךָ יָאֵר ה׳ פָּנָיו אֵלֶיךָ [וִיחֻנֶּךָּ יִשָּׂא ה׳ פָּנָיו אֵלֶיךָ וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם]. טייטשט ער איבער, יְבָרְכִנָךְ [ה׳] וְיִטְרִינָךְ, ער טייטשט איבער די אַלע [ווערטער], אַזוי ווי [דרכו], אויף זיין לשון, אויפן תרגום לשון. די גאַנצע ברכת כהנים.

ער הייבט אָן מלה במלה [כלשון הפסוק], און דערנאָכדעם נעמט ער זיך זאָגן פשט [בלשון תרגום], ער זאָגט צוויי מאָל [הברכות דברכת כהנים].

ואצל ״וישמרך״ מפרש וישמרך מן המזיקין, ופורט ד׳ מיני מזיקין בשמותיהם

הייבט ער אָן צו זאָגן יְבָרֶכְךָ ה׳ וְיִשְׁמְרֶךָ [ומפרש כפירוש חכז״ל וישמרך] מן המזיקים, וְיִטְרִינָךְ מִן מַזִּיקַיָא, און ער רעכנט אויס די נעמען [פון] פיר ערליי מזיקים. ער רעכנט אויס די נעמען [לִילֵי וּמַזַּיְיעֵי וּבְנֵי טִיהָרֵי וּבְנֵי צַפְרִירֵי].

וצ״ב למה חשב דוקא ארבעה מיני מזיקים, והלא יש עוד כמה מיני מזיקים לאין שיעור, והול״ל סתם וישמרך ״מן המזיקים״

ז) לכאורה וואָס דאַרף ער עפּעס אויסצורעכענען פיר ערליי, [והוי ליה לומר] סתם [לכוללם בלשון] ״מן המזיקים״, פון ׳אַלע׳ מזיקים [שיש מהם הרבה יותר מארבעה מינים, וכדמצינו בפסוק (תהלים צא, ז)] יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ, מזיקים איז דאָך דאָ אין די ׳אלפים ורבבות׳, וואָס דאַרף ער אויסרעכענען [דוקא] פיר ערליי מזיקים, האָט דען אַ שיעור וויפיל ס׳איז דאָ, ס׳האָט דאָך קיין שיעור נישט.

### ח
## קושיות ודיוקים בפרשת וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה
### קושיא ח

איתא במדרש דביום הקמת המשכן כלו המזיקין מן העולם, וצ״ב

**וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן.**

ח) זאָגט דער מדרש (במד״ר יב, ט), וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת, [ביום הָקִים אין כתיב כאן, אלא בְּיוֹם כַּלּוֹת, ביום] שכלו המזיקין [מן העולם], ווען מ׳האָט אויפגעשטעלט דאָס משכן.

### ט
### קושיא ט

במדרש מביא לכאן הפסוק אשמעה מה ידבר וגו׳ אך קרוב ליראיו ישעו לשכון כבוד בארצנו, וצ״ב השייכות

[ועוד] זאָגט דער מדרש[י] [וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה וגו׳], זה שאמר הכתוב (תהלים פה, ט) אֶשְׁמְעָה מַה יְדַבֵּר הָאֵל ה׳ כִּי יְדַבֵּר שָׁלוֹם אֶל עַמּוֹ וְאֶל חֲסִידָיו, משה רבינו האָט

---

[י] במדרש רבה (יב, א). וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה וגו׳, הדא הוא דכתיב (תהלים פה, ט) אֶשְׁמְעָה מַה יְדַבֵּר הָקֵל ה׳ וגו׳, אַתְּ מוצא בשעה שעשו ישראל אותו מעשה וכעס עליהם הקב״ה וכו׳, מיד עמד משה ובקש רחמים וכו׳ ונתרצה להם הקב״ה וכו׳, אעפ״כ היה בלבו עליהם וכו׳. כיון שנעשה המשכן אמר ר׳ יהודה ברבי סימון הלך משה והרכין אזנו במשכן, אמר משה תאמר שיש בלבו של הקב״ה על ישראל, הה״ד אֶשְׁמְעָה מַה יְדַבֵּר הָקֵל ה׳, מהו הקל ה׳, אמר משה שעד עכשיו הוא עומד בכעסו כנגדם והוא בקושי עמהם, ואין הָאֵ-ל אלא לשון חוזק, כמה דתימא (יחזקאל יז, יג) ואת אילי הארץ לקח, או הוא מתרצה להם והוא נוהג במדת רחמים עמהם, הה״ד ה׳, אין ה׳ אלא מדת רחמים וכו׳, שנאמר (שמות לד, ו) ה׳ ה׳ קל רחום וחנון, מיד פייסו הקב״ה שאין בלבו על ישראל כלום וכו׳, מה לשעבר הייתי נוהג עמהם במדת רחמים עד שלא עשו אותו המעשה, כך עכשיו במדת רחמים אנהוג עמהם. אמר רב יהודה ב״ר סימון, באותה שעה שמע משה קול נאה וקול משובח, לשעבר היה משה עומד והיה הדיבור בא לתוך

KolSatmar.com

געהערט קול הָדָר, קוֹל נָאֶה וְקוֹל מְשׁוּבָּח, פריער ביים חטא העגל האָט ער געוואוסט הקב"ה איז געווען, ס'איז געווען אַ רוגז, [אָבער] היצט ער געזען [באותה שעה שמע משה] קול הָדָר קוֹל נָאֶה וְקוֹל מְשׁוּבָּח, [מה שמע] כִּי יְדַבֵּר שָׁלוֹם אֶל עַמּוֹ, [במשכן הכתוב מדבר, שכן כתיב אחריו] אַךְ קָרוֹב לִירֵאָיו יִשְׁעוֹ לִשְׁכֹּן כָּבוֹד בְּאַרְצֵנוּ.

ט) דאַרף מען פאַרשטיין דעם גאַנצן פסוק [אֶשְׁמְעָה מַה יְדַבֵּר וגו' אַךְ קָרוֹב לִירֵאָיו יִשְׁעוֹ לִשְׁכֹּן כָּבוֹד בְּאַרְצֵנוּ], דעם גאַנצן ענין [איך שייך זה לכאן].

## י

### קושיא י

במדרש דשֵׁשׁ עֶגְלֹת צָב, הם כנגד ששת ימי בראשית, וצ"ב למה הביאו דוקא נגד ששת ימי המעשה

י) ווייטער שטייט: דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט קַח מֵאִתָּם, ביי די עגלות, [שהביאו הנשיאים] שֵׁשׁ עֶגְלֹת צָב. [ואיתא במדרש, שֵׁשׁ, כנגד] אַקעגן די ששת ימי בראשית, [אַזוי] זאָגט דער מדרש רבה (יב, יז).

לכאורה וואָס דאַרף מען צו ברענגען אויף די ששת ימי בראשית, וואָס פאַר אַ נפקא מינה.

מ'ווייסט דאָך, דער בורא כל עולמים האָט באַשאַפן בששת ימים.

[והתינח] אַז מ'ברענגט אַקעגן שבת, [אָבער] וואָס איז אַקעגן [ימי החול], וואָס עפּעס קעגן די ששת ימי המעשה, דער עיקר איז דאָך דער יום השביעי.

## יא

### קושיא יא

במדרש (המובא בישמח משה): קח מאתם, זש"ה והיה ביום הששי והכינו את אשר יביאו, וצ"ב

וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה [לֵאמֹר] קַח מֵאִתָּם. משה רבינו האָט נישט געוואָלט צונעמען קודם, ביז דער בורא כל עולמים האָט אים געזאָגט קַח מֵאִתָּם.

יאָ) זאָגט דער מדרש אויף דעם, זה שאמר הכתוב (שמות טז) וְהָיָה בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי וְהֵכִינוּ אֵת אֲשֶׁר יָבִיאוּ. דער ישמח משה (ד"ה קח מאתם) ברענגט דעם מדרש.

נאָר כ'וועל נישט מאריך זיין אין די מדרשים, וואָס מ'קען זאָגן.

## יב

### קושיא יב

במדרש שהקב"ה צוה למשה בעת קיחת העגלות לאמר לישראל דברי כיבושים ודברי נחמות, וצ"ב השייכות להעגלות

[וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵאמֹר] קַח מֵאִתָּם. לֵאמֹר, וואָס איז דער לֵאמֹר, ער האָט נאָר געהייסן [את משה] נעמען [ליקח העגלות בעצמו, ומה יאמר לאחרים].

זאָגט דער מדרש (במדב"ר יב, יח) לאמר [אמר לו הקב"ה למשה צא ואמור להם] דברי תוכחה ודברי נחמות.

יב) [וצ"ב] וואָס איז עפּעס 'תוכחה', מיט 'נחמות', נעבן די עגלות.

---

אזנו כמין סילון ולא היה אחד מישראל שומע אבל כשהיו פניו מאדימות היו יודעים שהדיבור בא אצלו, וכיון שנעשה המשכן שמע קול נאה. מה שמע, כִּי יְדַבֵּר שָׁלוֹם אֶל עַמּוֹ וְאֶל חֲסִידָיו. א"ר ברכיה הכהן בשם ר' יהודה ב"ר סימון, אמר הקב"ה למשה לשעבר היתה איבה ביני לבין בני, שנאה ביני ובין בני, תחרות ביני ובין בני, אבל עכשיו שנעשה המשכן, אהבה ביני ובין בני, שלום ביני ובין בני, הוי כִּי יְדַבֵּר שָׁלוֹם אֶל עַמּוֹ, אלו ישראל על שעשו המשכן, וְאֶל חֲסִידָיו זה שבט לוי וכו'. ומנין אתה אומר שבמשכן הכתוב מדבר, שכן כתיב אחריו אַךְ קָרוֹב לִירֵאָיו יִשְׁעוֹ לִשְׁכֹּן כָּבוֹד בְּאַרְצֵנוּ, אימתי היתה שלום לישראל, בזמן ששכן כבוד הקב"ה במשכן וכו'.

KolSatmar.com

יג

# קושיות ודיוקים בנבואת סוף מלאכי

## המובא במדרש כאן

איך וועל זאָגן דאָס ערשטע [לבאר תחלה] וואָס דער מדרש [בקושיא ד] ברענגט דאָ צו דעם פסוק - אויף כֹּה תְבָרֲכוּ - אֲמַרְתֶּם שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים, וואָס כ'האָב מיך פריער געשטעלט (באות ד), [כ'האָב] געברענגט דעם מדרש רבה.

פסוקי הנבואה דסוף מלאכי (פרק ג), וביאורם

[חָזְקוּ עָלַי דִּבְרֵיכֶם אָמַר ה' וַאֲמַרְתֶּם מַה נִּדְבַּרְנוּ עָלֶיךָ: אֲמַרְתֶּם שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים וּמַה בֶּצַע כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ וְכִי הָלַכְנוּ קְדֹרַנִּית מִפְּנֵי ה' צְבָקוֹת: וְעַתָּה אֲנַחְנוּ מְאַשְּׁרִים זֵדִים גַּם נִבְנוּ עֹשֵׂי רִשְׁעָה גַּם בָּחֲנוּ אֱלֹקִים וַיִּמָּלֵטוּ: אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב ה' וַיִּשְׁמָע וַיִּכָּתֵב סֵפֶר זִכָּרוֹן לְפָנָיו לְיִרְאֵי ה' וּלְחֹשְׁבֵי שְׁמוֹ וגו': וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע בֵּין עֹבֵד אֱלֹקִים לַאֲשֶׁר לֹא עֲבָדוֹ: כִּי הִנֵּה הַיּוֹם בָּא בֹּעֵר כַּתַּנּוּר וְהָיוּ כָל זֵדִים וְכָל עֹשֵׂה רִשְׁעָה קַשׁ וְלִהַט אֹתָם הַיּוֹם הַבָּא אָמַר ה' צְבָקוֹת וגו': וְזָרְחָה לָכֶם יִרְאֵי שְׁמִי שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ וגו'].

איידער כ'וועל צוקומען [לבאר קשר פסוקי מלאכי לפרשתן], לאָמיר שמועסן פראָסט [=פשוט כפשוטו] דער פשט אין פסוק [אֲמַרְתֶּם שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים וגו'].

**'דעם פסוק' דאַרף מען זייער גוט לערנען און מעיין זיין.**

אין פסוק שטייט אַזוי, אין סוף מלאכי:

חָזְקוּ עָלַי דִּבְרֵיכֶם אָמַר ה', [עטץ האָטס] שטאַרק גערעדט, וַאֲמַרְתֶּם, וועט עטץ פרעגן, מַה נִּדְבַּרְנוּ [עָלֶיךָ], וואָס האָב מיר דען געזאָגט.

שטעלט אַראָפּ דער פסוק, אידן פרעגן אַ שאלה. דער בורא כל עולמים זאָגט [חָזְקוּ עָלַי דִּבְרֵיכֶם], וועט עטץ פרעגן [וַאֲמַרְתֶּם], קאָנסטו מיך פרעגן 'וואָס' [מַה נִּדְבַּרְנוּ]?

זאָגט דער פסוק. אֲמַרְתֶּם, עטץ האָט געזאָגט: שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים, בְּחִנָּם דינט מען דעם אייבירשטען, וּמַה בֶּצַע כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ, וואָס קומט אונז אַרויס [א פאַרדינסט] אַז מ'האָב מיר אָפּגעהיטן משמרת התורה, וְכִי הָלַכְנוּ קְדֹרַנִּית מִפְּנֵי ה', ווי זיי טייטשן (ברש"י ובמצודות שם), [אַז] זיי זענען געגאַנגען בענוה ובשפלות פאַרן בורא כל עולמים.

וְעַתָּה, אַצינדערט, אֲנַחְנוּ מְאַשְּׁרִים זֵדִים, אונז לויב מיר, מ'גיב מיר שבח, [און] כח, פאַר די רשעים, גַּם נִבְנוּ עֹשֵׂי רִשְׁעָה, 'זיי' זענען אויפגעבויעט געוואָרן, [גַּם] בָּחֲנוּ אֱלֹקִים, זיי האָבן אויספּרובירט דעם באַשעפער, וַיִּמָּלֵטוּ, און זיי זענען ניצול געוואָרן.

אָז, דעמאָלט, נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, רעדן זיך צוזאַם די וואָס 'זענען נאָך' יראי ה', איינער מיט'ן אַנדערן, וַיַּקְשֵׁב ה' וַיִּשְׁמָע וַיִּכָּתֵב סֵפֶר זִכָּרוֹן לְפָנָיו, ווי זיי טייטשן, אַז די 'ערליכע אידן' שמועסן צווישן זיך [אַז] "ס'איז נישט אַזוי"[ז], און דער בורא כל עולמים שרייבט אַריין אין סֵפֶר זִכָּרוֹן [אויף] יעדן 'וואָס' ער האָט געזאָגט, צי האָט מען געזאָגט פון 'די' וואָס [זאָגן] שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים, צי פון 'די' [מהיראי ה'].

אַזוי שטייט אין פסוק.

---

[ז] שמדברים בינים שאינו כפי שנראה מהצלחת הרשעים, רק כי כל דרכיו של הקב"ה בדרך משפט, אף שאינו ממהר להשיב גמול לצדיקים, עיי"ש במפרשים.

KolSatmar.com

## יד
### קושיא יג

כשמדברים דברי כפירה, ואומרים שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים וּמַה בֶּצַע כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ, האיך אפשר עוד להקשות מַה נִּדְבַּרְנוּ עָלֶיךָ?

לכאורה וויאַזוי וועט מען 'פּאַרטייטשן' דעם פסוק.

דער בורא כל עולמים זאָגט חָזְקוּ עָלַי דִּבְרֵיכֶם, וַאֲמַרְתֶּם מַה נִּדְבַּרְנוּ, "וואָס האָב מיר דען געזאָגט?", וועט זיי דער בורא כל עולמים ענטפערן "עטץ האָט געזאָגט שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים!".

יג) נו וויאַזוי שמועסט דאָס, אַז מ'זאָגט שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים וּמַה בֶּצַע כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ, האָט מען ווייניג געזאָגט?

הֲיַעֲלֶה עַל הַדַּעַת, ווי קען מען גאָר פרעגן נאָך "וואָס האָב מיר דען געזאָגט"?, וואָס הייסט "וואָס מ'האָט געזאָגט"? וואָס קאָן מען שוין מער זאָגן? ווי קאָן מען מער זאָגן קעגן בורא כל עולמים? [מלומר ח"ו שוא עבוד אלקים, כי] בחנם דינט מען דעם אייבירשטען, ס'איז גאָרנישט [לעובדו ית"ש], הָלַכְנוּ קְדֹרַנִּית מִפְּנֵי ה' [ההליכה בהכנעה לפניו] דאָס איז גאָרנישט. [וכן מה שאומרים] נִבְנוּ עֹשֵׂי רִשְׁעָה [גַּם בָּחֲנוּ אֱלֹקִים וַיִּמָּלֵטוּ]. אַז מ'זאָגט 'דאָס', וואָס 'נאָך' קאָן מען זאָגן אַקעגן באַשעפער?, האָט מען דאָך אַוועק געמאַכט 'אַלעס' חלילה, לֵית דִּין וְלֵית דַּיָּן, נישטאָ קיין תורה הקדושה. ווי קאָן גאָר זיין, [ווי] איז גאָר אַ 'הוה אמינא' בעולם אַז ווער ס'זאָגט 'דאָס' קען ער פרעגן דערויף "וואָס האָב איך דען געזאָגט"? דאָס איז גאָרנישט?

ואם המדובר בזה מכאלו שאין דיבורים כאלו נחשב אצלם לחטא, א"כ מה תועלת עוד בדברי הנביא אליהם?

און אַז ס'איז ווידער [המדובר מן] אַזעלעכע [אנשים] וואָס 'דעס' איז ביי אים גאָרנישט, פון 'דעם' [מאיש כזה] האָט מען דאָך נישט וואָס צו רעדן, דאַרף מען נישט זאָגן חִזְקוּ עָלַי דִּבְרֵיכֶם, וואָס זאָגט מען זיי? וואָס דאַרף מען דאָס צו זאָגן[ח]?

'אַזוי ווי' [=תיכף] ער הייבט מיר נאָר אָן צו פרעגן [על דבר כזה, מה נדברנו וגו'], ווייסט מען דאָך [אַז] דער איז דאָך 'געפאַסט' [הוא 'עלול ומוכן' לכפירה ח"ו, ויודעים כי] "ער איז אַן אפיקורס און פאַרטיג", איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן, ס'איז נישטאָ וואָס צו רעדן פון אים, אַז ער קאָן דאָס פרעגן 'וואָס האָב איך דען געזאָגט'.

[אלא מאי דעל כרחך לא על אנשים כאלו מיועדים הפסוקים דנבואת מלאכי. אלא המדובר הוא מאנשים המאמינים בה', ואם כן איך שייך שישאלו עוד מה נדברנו וגו', על דברים בוטים כאלו].

## טו
### קושיא יד

גם צ"ב דמשמע ברישא שהחטא הוא רק בדיבור, באמרו "דִּבְרֵיכֶם",
והלא לפי הסיפא שאם אומרים שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים וגו', אם כן משמע דגם במעשה אינם שומרים התורה

זעט אויס דער פשט אין פסוק אַזוי.

יד) לכאורה איז דאָך שווער, כ'האָב דאָ אָנגעהויבן [בפסוקי מלאכי], 'סיי ווי סיי' [=איך שיהיה כוונת הכתוב, הלא יקשה עוד] ס'איז דאָך עפּעס נישט 'דבר והיפוכו'.

---

[ח] וזלש"ק בקונטרס על הגאולה ועה"ת (סימן א): ואם כוונת הנביא מלאכי היה להורות על שפלות המצב בדור שלפני ביאת המשיח, אשר כל הדיבורים הללו לא יהיו נחשבים בעיניהם לחטא, אם כן מה תועלת יש באמרו חִזְקוּ עָלַי דִּבְרֵיכֶם, אחר שכבר לא נשאר בהם ח"ו זיק וניצוץ מאמונת הבורא יתברך, בודאי גם בזה לא יבינו, וטח עיניהם מֵרְאוֹת ולבותם מֵהַשְׂכֵּל.

KolSatmar.com

ער הייבט אָן [בהסיפא, אֲמַרְתֶּם] שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים וְעַתָּה אֲנַחְנוּ מְאַשְּׁרִים זֵדִים, נו וואָס טוט מען ווייטער.

האָבן זיי אויפגעהערט צו דינען דעם באַשעפער טאַקע?, איז דאָך עס נישט נאָר [חָזְקוּ עָלַי] "דִּבְרֵיכֶם"! איז דאָך נישט נאָר "דבריכם", ער טוט דאָך טאַקע "במעשה" אַנדערש! [וכן] וואָס פירט ער נאָר אויס אֲנַחְנוּ מְאַשְּׁרִים זֵדִים [שמחזק ידי רשעים אחרים, אבל לא שהוא עצמו רשע]. טאָמער זאָגט ער ווייטער שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים, נו מַה לָּנוּ וּלְחִיּוּתוֹ, וואָס האָט ער צו טוהן, דאַרף ער דאָך שוין גאָרנישט, דאַרף ער דאָך אַוועק לייגן חלילה די גאַנצע תורה, איז דאָך עס נישט נאָר "בדיבור", [כאומרו] חָזְקוּ עָלַי "דִּבְרֵיכֶם", [אלא] באַקומט מען דאָך גאָר אַנדערע "מעשים" אויכעט, איז מען דאָך גאָר 'אינגאַנצן' אַנדערש.

### טז
### [קושיא טו - מתוך הדרוש]

להבין ביאור הלשון "מַה בֶּצַע" כי שמרנו משמרתו, דפירושו (לרש"י ותרגום פ' וישב) "מה ממון נתהני לנא"?

טו) [גם צ"ב הלשון "וּמַה בֶּצַע" כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ, דמשמע פירושו כמו בפרשת וישב בפסוק "מַה בֶּצַע" כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ, שפירש שם רש"י בשם התרגום דהכוונה "מַה מָּמוֹן נִתְהֲנֵי לָנָא", וא"כ יש להבין איך יתפרש פירוש זה בכאן].

### יז
# ביאורי הקושיות בפסוקי מלאכי

### הקדמה לביאור קושיא יג - יד

בפסוק הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כבוד ה', מבואר, דגם כשאֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים נקרא גם כן "מְסַפְּרִים",
על ידי שהשמש וירח הולכים בְּכָל הָאָרֶץ, והבריות מבינים מהם כבוד ה'

זעהט אויס אַזוי.

ס'שטייט אין פסוק (תהלים יט, ב-ה) **הַשָּׁמַיִם "מְסַפְּרִים"** [כְּבוֹד קֵל, וּמַעֲשֵׂה יָדָיו "מַגִּיד" הָרָקִיעַ וגו']. זאָגט דער פסוק ווייטער, רעדן זיי [דען]?, **אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים בְּלִי נִשְׁמָע קוֹלָם**, זיי רעדן נישט, מ'הערט נישט דאָס קול, וואָס דען זאָגט מען הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים, זיי רעדן. [נאָר] **בְּכָל הָאָרֶץ יָצָא קַוָּם וּבִקְצֵה תֵבֵל מִלֵּיהֶם**, די ווערטער קומען אַרויס [על ידי הבריות], פונעם בְּכָל הָאָרֶץ יָצָא "קַוָּם", פון די 'מעשים' וואָס זיי גייען [השמש וירח וצבא השמים, ומאירים בכל הָאָרֶץ], וואָס זיי געבן אַרויס אויף דער וועלט, זיי לייכטן, פון דעם 'שמועסט מען' און 'מ'רעדט' און 'מ'זאָגט' [בקרב אנשי תבל], דאָס איז טייטש "מְסַפְּרִים", אַז מ'ברענגט אַרויס [שגורמים] אַז 'יענער' זאָגט אַזוי, אַז יענער רעדט און זאָגט דאָס. אַז פון זיי זעט מען, די גבורות ה' זעהט מען פון די זון, הייסט דאָס אַז זיי 'רעדן' [גבורות ה'].

איז דער פסוק אַליין מפרש אַז דאָס הייסט "מְסַפְּרִים", כאָטשיג איך זאָג נישט דאָס, זיי זאָגן גאָרנישט, אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים בְּלִי נִשְׁמָע קוֹלָם, אָבער אַז פון דעם שטעלט זיך אַרויס מ'זאָל דערציילן גבורות הבורא, האָבן זיי שוין 'געננג גערעדט' און געטוהן, [הייסט דאָס] הַשָּׁמַיִם "מְסַפְּרִים".

KolSatmar.com

יח

ביאור קושיא יג - יד

המדובר הוא מאותן שהם באמת שומרי תורה ומצות, ואינם אומרים דברי כפירה בפירוש,
אלא שבזה שהם מְאַשְּׁרִים זֵדִים ואומרים הדיבורים של נִבְנוּ עֹשֵׂי רִשְׁעָה גַּם בָּחֲנוּ אֱלֹקִים וַיִּמָּלֵטוּ,
בזה ממילא משתמע ומתאמרא כאילו ח"ו שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים וּמַה בֶּצַע כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ וגו'

זעט אויס דאָס איז דער פשט [בפסוקי מלאכי].

זיי זאָגן נישט אַרויס שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים, ווען זיי זאָגן אַרויס [כך] העט מען נישט געפרעגט מַה נִּדְבַּרְנוּ, [נאָר] זיי זאָגן נישט. און זיי 'טוען' נאָך ווייטער [כמשמרת התורה], זיי זענען ווייטער "שומרי תורה ומצות".

נאָר אָבער, זיי זענען מְאַשְּׁרִים זֵדִים, זיי זאָגן נִבְנוּ עֹשֵׂי רִשְׁעָה, בָּחֲנוּ אֱלֹקִים, זיי האָבן אויספּרובירט דעם באַשעפער, וַיִּמָּלֵטוּ.

נו, פון דעם קומט דאָך אויס, אַז ס'איז טאַקע שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים [וּמַה בֶּצַע כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ וְכִי הָלַכְנוּ קְדֹרַנִּית מִפְּנֵי ה'].

אַז רשעים גמורים מיט אפיקורסים פירן אויס, אַז מ'גיט צו דעם צו די 'הסכמה', די 'שטימונג' אַז מ'גיט פאַר דעם, מ'איז מְאַשֵּׁר זֵדִים, האָט מען געזאָגט 'דברים ברורים' אַז שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים, דאָס 'זאָגט' זיך שוין [ממילא מן משמעות דיבורים שלהם, ונמצא] האָט מען 'געזאָגט'.

יט

דאָס קאָן זיין, דער בורא כל עולמים זאָגט חָזְקוּ עָלַי דִּבְרֵיכֶם, ביטער און זויער [זענען] ענקערע ווערטער!

ווער עטץ פרעגן אַ קשיא [מַה נִּדְבַּרְנוּ עָלֶיךָ], מ'האָב מיר נישט געזאָגט, "וואָס האָב מיר דען געזאָגט"? [כי הם טוענים אדרבה] זיי האָבן גאָר דערציילט 'נסים פון באַשעפער', די 'תמונה' גייט דאָך אַז מ'וויל דערציילן גאָר 'נסים'.

זאָגט דער בורא כל עולמים: [אֲמַרְתֶּם, פון] ענקערע ווערטער קומט אויס שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים! בחנם האָבן אידן געדינט דעם באַשעפער! אַז מ'גיט צו [די שטימונג והסכמה, כי עתה מְאַשְּׁרִים זֵדִים ואומרים עליהם כי נִבְנוּ עֹשֵׂי רִשְׁעָה וגו'], אַז מ'זאָגט בָּחֲנוּ אֱלֹקִים, זיי האָבן אויספּרובירט [וַיִּמָּלֵטוּ, אזי ממילא נשמע כי אמרתם שוא עבוד אלקים ומה בצע כי שמרנו וגו'].

(ועיין זה בעל הגאולה ועה"ת סימן א)

כ

התקיימות נבואת מלאכי בדורינו

דאָס זעהט מען בעוונינו הרבים היינט, במלוא מובן המלה.

לֹא יְאוּמַן כִּי יְסֻפָּר, מ'זאָל קענען זאָגן [דברי אישור ושבח, וכאילו נעשה להם נסים מן השמים ח"ו], אויף - לא עלינו ה' ישמרנו - אפיקורסים גמורים, וואָס זיי ברענגען אַריין [כפירה בלבות ישראל], הֵן הֵנָּה [הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל וגו' לִמְסָר מַעַל בַּה' וגו' וַתְּהִי הַמַּגֵּפָה בַּעֲדַת ה' (במדבר לא, טז)], רובא דרובא מישראל האָבן זיי געברענגט צו מינות "מיום הוסדם".

דאָס געדענק איך נאָך אין די פריערדיגע יאָרן, "צדיקים און קדושים" וואָס זיי האָבן פאַראַרבעט [ללחום כנגדם], ווייל זיי האָבן געזען 'ווי ביטער' דאָס איז, מיט דער כַּת [הציונים].

זיי האָבן אויסגע'שמד'ט די גאַנצע יוגענט - רובא דרובא - אין 'פריערדיגע צייטן' [עוד קודם מלחמת העולם], און 'אַצינדערט' [שיש להם כח השלטון], זייט זיי זענען [מיום הוסדם].

KolSatmar.com

וויפיל משומדים זיי האָבן אַהער-געשטעלט?! און וויפיל כופרים זיי האָבן אַהערגעשטעלט?! חיים און מתים!

די תורה הקדושה זאָגט עדות (דברים כג, טו) וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ, כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ. (עיין על הגאולה והתמורה, בהקדמה ד״ה גם בעצם).

זאָל מען זאָגן אַז הקב״ה ׳וויל׳ חס ושלום ׳אפיקורסים זאָלן זיין מנהיגי ישראל׳? ווי איז פאַרהאַנדן אַ גרעסער ׳אפיקורסות און מינות׳ אויף דער וועלט!

ס׳איז נישט צום אויסצוהאַלטן אַזוינס צו הערן פון אַ איד, אוֹי נָא לָנוּ שֶׁהִגִּיעַ כָּל כַּךְ בְּיָמֵינוּ!

ווען אונזערע עלטערן העטן דאָס געהערט, העטן זיי שוין נישט געקענט זיין אויף דעם עולם! זיי העטן נישט געקאָנט אַזוינס סובל זיין!

וויי איז צו אונז אַז מ׳האָמיר זיך דערלעבט אַזאַ טאָג!

בעונותינו הרבים! (עיין עוד לקמן אות מא)

### כא

[ולדבריהם] איז טייטש [חלילה, אַז] די אַלע צדיקים וואָס זיי האָבן געהאַט מסירת נפש, זיי זענען געגאַנגען קְדֹרַנִּית לפני ה׳ אלקים, חס ושלום האָבן זיך טועה געווען?, נאָר דער ׳ערשטער רשע׳ וואָס ער האָט געזאָגט לֹא יִזָּכֵר שֵׁם יִשְׂרָאֵל עוֹד, דער וואָס האָט דאָס געגרינדעט [שהיה היוזם והמחולל לרעיון הציוני], ער האָט געוואָלט אויס׳שמד׳ן דעם כלל ישראל - און ער האָט אַזוי געטוהן, - דער האָט געזען דעם אמת?

ווי איז גאָר מעגליך [אַז] אַ מאמין אין הקב״ה זאָל דאָס קלערן?

(ועיין זה בעל הגאולה ועה״ת סימן ב ד״ה והנה)

### כב

## יש ענין של הצלחת הרשעים ונסים שמכוחות הטומאה, אמנם במלחמה זו היה הכל בדרך הטבע ושכל הפשוט

לאָמיר שמועסן, לאָמיר געבן אַ שטיקל ערקלערונג ׳דאָך׳, וויאַזוי געשעט דאָס [שיניחו זאת מן השמים]. (עיין עוד ההמשך לקמן אות לב ואות נט)

### כג

השטן ניתן לו כח לעשות נסים לצורך הסתותיו לע״ז ומינות, כדאיתא בגמרא

דְעוּ נָא, איך געדענק ווי איך האָב דאָ געזאָגט פאַר צען יאָר [צוריק, בשנת] תשי״ז - ס׳איז שוין געדרוקט[ט] - אין שבועות, [ואמרתי כי] איך רעכט מיך נאָך אַז זיי וועלן טאַקע ווייזן נסים, אַזוי ווי די גמרא זאָגט בְּפֵרוּשׁ (ע״ז נה.) הבא לטמא פותחין לו, בְּפֵרוּשׁ אַז זיי באַווייזן גאָר נסים, דער ס״מ באווייזט נסים, ער דרייט אָן אַ זאַך און פירט עס אַזוי צו.

---

[ט] ביום ב׳ דשבועות תשי״ז (חידו״ת תשי״ז ח״ב עמוד תרצג) האריך לבאר הענין שיכול להיות נסיון ע״י נביאי שקר וסיים בזה״ל: וכל אלו הדברים נאמרים אף לו היה כדבריו, שהיו באמת נסים, אבל באמת הוא שקרים ועושים ממנו נסים כדי להגדיל בזה כח המינות ואפיקורסות, ושיאמרו שהקב״ה עושה נסים לאפיקורסים כדי להתחבר עמהם, שזה הוא כפירה בעיקר, ומי שמאמין לו הוא ג״כ כמותו. והנה זה באמת לא היה נסים כאמור אבל אני מתיירא, דהגם שאני מקווה שלא יהיה כן, אבל הרי אי אפשר לידע דאפשר עוד להיות, וצריכים להיות מוכן גם לזה, שאפשר שיעשו עוד נסים להם אפילו כמו העמדת החמה באמצע הרקיע כמו ליהושע בן נון, וצריכים לידע זאת ולהיות מוכן מעיקרא, דאם יודעים זאת מקודם שאפשר להיות, לא מתפעלים כל כך אחר כך כשבא הדבר מאחר שהיו מוכנים לה, אבל כאמור אני מקווה שלא יהיה ולא יבא עד כדי כך, רק שאני אומר זאת שצריכים להיות מזומן גם לזה, ואל יתפעלו גם אם יעשו ממש נסים, כי הכל הוא מהסטרא אחרא.

KolSatmar.com

אבל עתה לא היה כאן שום נסים כלל, ודיבורי המפטפטפים הם שטותים והבלים

[ס'איז] **'עקסטערע חסדים' אַז ס'איז קיין "נסים" נאָך 'נישט' געשען,** [נאָר] **אַלעס איז שטותים והבלים** [כי הכל הוא רק אופני הצלחה המלובשים בטבע, כמובן פאַר דעם] **ווער ס'קוקט און ווייסט 'אַביסל'.**

והטעם כי עתה מחמת שפלות הדור אין צורך להשטן לעשות נסים, כי גם בשקרים יכול להטעות, ומה לו לעשות נס בחנם

**פאַרוואָס איז נאָכנישט געשען קיין נסים?**

[אַזוי ווי] **קודשא בריך הוא לא עביד ניסא למגנא,** [כך] **דער ס"מ איז זיך** [באַגאַנגען אָן דעם] **זעט אויס, אַז ער קאָן זיך באַגיין אָן נסים באַגייט ער זיך אויך.**

**ער זעט דאָס שפלות הדור,** [אַז] **ער ברויך נישט קיין נסים, ער ברויך נאָר 'אנשטעלן' אַ זאַך אַז מ'זאָל קענען זאָגן 'ליגנט' אַז ס'איז נסים, איז אויך שוין גענוג צו 'פאַרבלענדן' דאָס דור. בחנם ווייזט ער נישט קיין נסים. אַז נישט, העט שוין געווען נאָך גרעסערע נסים** [וכמו שאמרתי אַז מלפני כמה שנים].

וכבר אמרתי כי מתיירא הייתי שלא יעשה השטן באמת נסים, ואמרתי זאת מפאת שכן מבואר מפי ספרים וסופרים דכך הוא דרך השטן, וכן אירע בדורות שלפנינו

**איך האָב מיך געוועכט** [=געריבשט] **נאָך מער, איר זעט** [דאָך אַז] **כ'האָב אַזוי געזאָגט פאָראויס, היינט צען יאָר.**

**פאַרוואָס האָב איך עס געזאָגט, נישט בנבואה און נישט ברוח הקודש, נאָר וואָס'זשע דען, מ'זעט אין ספרים, מפי סופרים וספרים, אַז דאָס איז דער דרך פונעם ס"מ. ס'איז נאָכנישט געווען קיינמאָל אַנדערש אַזאַ ענין, אַז ס'זאָל נישט גיין מיט נסים ונפלאות,** [וכדכתיב] **כִּי מְנַסֶּה ה' אֱלֹקֵיכֶם אֶתְכֶם, ווי ער זאָגט** [באבן עזרא לפרש][1] **אַז פאַר דעם וויַיל מ'הערט** [אים] **צו דאָס דור** [לנביא השקר]**, איז דאָס דער עונש אַז ס'געשעט נסים.**

## כד

### ביאור איך היה הצלחתם בהמלחמה הכל בדרך הטבע

**דער אמת, לאָמיר גיין כסדר** [לבאר בדרך הטבע] **דער גוף הזאַך, דאָס געדענק איך, איך בין געווען אין ארץ ישראל מיט איבער צוואָנציג יאָר** [בשנת תש"ו]**, האָב איך גערעדט מיט אַלע, מיט פאַרשידענס** [עם אישי הציבור ועסקנים שבכמה קהילות וחוגים, ושאלתים איך:] **מ'האָט נישט מורא פאַר אַזויפיל אַראַבער. האָבן זיי אַלע געשריגן פאַר אַ בירור גמור "זייער מיליטער** [של הערביים] **איז גאָרנישט", דאָס איז זייער סמיכה** [שעל זה 'סמכו' עצמם הציונים ללחום עמהם]**. און אַזוי איז עס** [טאַקע במציאות, שהערביים אינם גבורי מלחמה]**. זיי** [הציונים] **זענען מיט אַן אַנדערע מאָדע, שטערקער.**

וכי יעלה על הדעת שאפיקורסים הלכו למלחמה על סמך נסים מהשי"ת, הלא הם כופרים בהשי"ת רח"ל

**קאָן עמיצער קלערן אַז די אפיקורסים - וואָס זיי גלייבן נישט** [בהשי"ת]**, זיי האָבן געשריגן אַז נאָר די צה"ל** [יעזור להם]**, קיין איין רגע** [זענען זיי] **נישט מזכיר דעם שם**

---

[1] **באבן עזרא** (דברים יג, ד). כִּי מְנַסֶּה ה' אֱלֹקֵיכֶם אֶתְכֶם. בעבור שעזבו ולא המיתו [את הנביא שקר], ונסיון השם להראות צדקת המנוסה, עכ"ל. ועי' בביאור דבריו בויואל משה מאמר א סימן מו, (וע"ע שם בהקדמה עמוד ח, ובעל הגאולה ועה"ת סימן כה).

ועיין בלשון רש"י (דברים שם, ב) עה"פ וְנָתַן אֵלֶיךָ אוֹת אוֹ מוֹפֵת, וז"ל: אף על פי כן לא תשמע לו, ואם תאמר מפני מה נותן לו הקב"ה ממשלה לעשות אות, כִּי מְנַסֶּה ה' אֱלֹקֵיכֶם אֶתְכֶם.

KolSatmar.com

שמים, און זיי זענען דאָך כופרים גמורים, - זיי זענען זיך געגאַנגען שלאָגן אויף נסים?! ווי קען מען דאָס 'קלערן' אפילו? [ועל כרחך שכל סמך התחלתם ליצא למלחמה זו הוא עבור שהבינו כן מראש שבדרך הטבע יצליחו הם בנצחונם].

לאָמיר רעדן פּאָליטיק [=שכך מובן גם בשכל הפשוט], ס'איז דער אמת אַזוי.

**כה**

ומ"מ בעתיד צריכין לרחמי שמים, כי א"א לידע מה יולד יום מהתוצאות של מלחמה זו

אָבער מ'דאַרף נאָך גרויס רחמי שמים, מ'ווייסט נישט וואָס ס'קאָן זיך אויסלאָזן [בעתיד] פון די אַלע זאַכן, ווייסט השי"ת, השי"ת ירחם על עמו ישראל.

**כו**

מבואר בגמרא ברייתא דר' מאיר ור' ישמעאל, דטבע ישראל להיות עזים וגבורים

דער אמת, די טבע [הוא שזרע בני ישראל הם עזים וגיבורים].

די גמרא זאָגט אין ביצה[יא] (כה:), **למה ניתנה תורה לישראל, מפני שהם עזין**, [פירש"י ונתנה להם תורה שיעסקו בה] והתורה מתשת כח, אַזוי זאָגט רבי מאיר.

דערנאָך ברענגט ער צו אַ מימרא, אַ ברייתא דרבי ישמעאל, **אלמלא ניתנה תורה לישראל אין כל שום אומה ולשון יכולין לעמוד בפניהם**, מ'קאָן נישט ביישטיין פאַר אידן.

דיוק המהרש"א דא"א לומר דברייתא דר' ישמעאל הוא כדרך ברייתא דר"מ, ליתן טעם על נתינת התורה לישראל

ער דער מהרש"א גיט צו פאַרשטיין, איך קען נישט זאָגן אַז מ'האָט פאַרדעם געגעבן די תורה, ווענן די אומות העולם, אַז זיי זאָלן יאָ קענען ביישטיין, דאָס קען דאָך נישט זיין, מ'האָט עס נישט געגעבן לטובה פאַר די 'אומות העולם', נאָר לטובה פאַר 'אידן'.

אבל הענין דהם ב' ברייתות נפרדות, ברייתא דר"מ ליתן טעם על נתינת התורה לישראל, דהוא מפני שהם עזים בגבורה ובעזות דקדושה, וברייתא דר' ישמעאל בא רק להביא ראיה לר' מאיר דישראל עזים הם

נאָר [הנראה בזה, אַז] דאָס איז צוויי מימרות, ס'האָט נישט איינס מיט דאָס אַנדערע. ס'זעהט אויס אין מהרש"א אויך אַזוי.

[דברייתא דר' מאיר בא לומר הטעם שניתנה לישראל, ווייל] די תורה הקדושה האָט מען געגעבן פאַר עזין. [כי באמת] צו די תורה הקדושה קומט צוניץ [מדת] 'עזות' [דקדושה], מ'זאָל זיך האַלטן פעסט, מ'זאָל נישט פרעגן נאָך קיינעם, לֹא יֵחוֹת מִפְּנֵי כֹּל, דאָס פעלט אויס [לקיום התורה].

און עקסטערדעם איז דאָ אַ מימרא [בברייתא דר' ישמעאל, שהיא רק להביא] אַ ראיה אויפ'ן 'עזות' [שבבני ישראל], אַז ווען נישט די תורה הקדושה אין כל שום אומה ולשון יכולין לעמוד [בפניהם].

---

[יא] **בגמרא** (ביצה כה:) תנא משמיה דרבי מאיר, מפני מה נתנה תורה לישראל, מפני שהן עזין. תנא דבי רבי ישמעאל, (דברים לג, ב) מִימִינוֹ אֵשׁ דָּת לָמוֹ וכו', דתיהם של אלו אש, שאלמלא נתנה תורה לישראל אין כל אומה ולשון יכולין לעמוד בפניהם.

וכתב **המהרש"א** (בחידושי אגדות ד"ה ראויין) ונראה, דודאי לאו מהאי טעמא כדי שיכולין כל אומה ולשון לעמוד מפניהם נתנה התורה להן, דאם כן לאו לטובתן של 'ישראל' נתנה התורה להן, אלא דעיקר טעמו מפני שהן עזין, ולא הביישן למד וכו'. ונראה נמי דעזותן דקאמר לאו היינו 'גבורה', אלא לעמוד על דבריהם ולא ישובו מפני כל הוי 'עזותן', ודומיא דהכי כלב [שנקרא עז שבחיות] כו' לאו לענין גבורה קאמר, דכמה חיות וכמה עופות גבורים יותר מהן, אלא 'עזותן' הוא שלא ישובו מפני כל ומעיזין פניהם.

KolSatmar.com

דאָס איז צוויי מימרות, אָבער די תורה האָט מען נישט פאַרדעם געגעבן [כדי שיוכלו האו"ה לעמוד].

אָבער על כל פנים דאָס איז נישט קיין גוטע זאַך[יב], דער בורא כל עולמים וויל דאָס נישט [שיהיו בני ישראל עזין כנגד האומות], דאָס איז דער אמת.

[ועל כל פנים נמצא מדברי הגמרא אלו, דאם אין להם תורה והמה היפוך התורה, נשארין בעזותן. ואנו רואים זאת בחוש, שמחציפין פניהם בעזות וחוצפה לְדַבֵּר קָשׁוֹת אף נגד מלוכות עצומות ומושלים אדירים, והם מתגרים בַּמַּמְלָכוֹת באופן נורא, וה' ירחם.

ואם כן ברור שלא היה בנצחון מלחמתם שום נס, אלא הצלחה מלובש בטבע. כאשר העידו הרבה יודעי דבר ושרי מלוכות במכתבי העתים של אומות העולם שהגידו מראש (על מלחמה זו) שלא ינצחו הערביים במלחמה, דלאו בני מלחמה נינהו.

ודכירנא כד הוינא בארץ ישראל עוד לפני הקמת המדינה התפארו אַז מנהיגי הציונים שאינם יראים ממלחמה עם הערביים אף שהם רַבִּים נגדם, כי טבע הערביים לברוח ולנוס מחרב המלחמה. אולם עכשיו אומרים ההיפוך, כדי לסמות העינים להגדיל נצחונם וניסיהם הכוזבות והמדומות. ושחודי שחדי לבעלי מכתבי העתים לכתוב כרצונם, כדי להגדיל נצחונם וגבורתם. אבל ברור שאין בכל זה אפילו ריח של אמת. (מדברי רבינו בקונט' על הגאולה ועה"ת סימן ז)].

## כז

במהרש"א רוצה לפרש דהכוונה שהם "עזים" ברוח אומץ,
אבל בפשטות הכוונה גם דישראל הם גבורים במלחמה, וכן מפרש הפני יהושע

דער מהרש"א וויל זאָגן אפילו, [אַז] "עזות" מיינט מען נישט דוקא גבורה, [נאָר אַזוי ווי] ביי חיות, [שהכלב עז שבחיות, אבל אינו הגבור שבחיות], הוי עז כנמר (אבות ה, כ. ועי' פירושו בטור או"ח ריש סימן א). אָבער זען זעט אויס אַז טאַקע [דמה שישראל עזין באומות איז אויף] גבורה אויכעט, זיי זענען גבורים במלחמה, ס'זעט אויס אַזוי אין פני יהושע[יג]. [ונמצא דכך הוא מצד דרך הטבע שזרע ישראל הם גבורים ומנצחים במלחמה, ולא היה כאן שום ענין של נסים כלל וכלל].

## כח

וכן מבואר להדיא ברמב"ן דידוע שישראל הם גבורים ואנשי חיל למלחמה

ער דער רמב"ן זאָגט אַרויס [שישראל גבורים].

אַ פלא, דער רמב"ן זאָגט אין פרשת עקב (ח, יח) [בפסוק] וְאָמַרְתָּ בִּלְבָבֶךָ כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה [וְזָכַרְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל].

[דהנה יוקשה] לכאורה ווי קען מען דען זיין [שיאמרו] כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה, ווי קען מען גאָר זאָגן כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי, ס'איז דאָך עפּעס אַ 'געוואַלד' [הפלגת תוקף הז' אומות, עד שהוצרך הכתוב להזהיר אודותם שלא נירא מהם, וכדמצינו] מ'האָט מזהיר געווען אַזויפיל, לֹא תִירָא מֵהֶם, כִּי תֹאמַר בִּלְבָבְךָ רַבִּים הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִמֶּנִּי אֵיכָה אוּכַל לְהוֹרִישָׁם (שם ז, יז), אַזויפיל גוֹיִם גְּדֹלִים רַבִּים, גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים[יד], אַז ס'איז גאָרנישט

---

[יב] שהרי עכ"פ פירוש הפשוט בברייתא דרבי מאיר הוא כפירש"י דלכן ניתנה התורה להם כדי להתיש כחם, והוא באמת לטובת ישראל שלא יהיו עזין כל כך.

[יג] וז"ל הפני יהושע, דאיירי נמי בשבחא של ישראל במה שהן עזין, היינו לענין כיבוש מלחמה וכו', אלמלא לא ניתנה תורה לישראל שיעסקו בה ומתשת כחם, אילו היה עוסקים תמיד בכיבוש מלחמה אין כל אומה ולשון יכולין לעמוד בהם, כן נראה לי.

[יד] כדכתיב (דברים ד, לח) לְהוֹרִישׁ גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים: וכתיב (שם ז, א) וְנָשַׁל גּוֹיִם רַבִּים מִפָּנֶיךָ וגו' שִׁבְעָה גוֹיִם רַבִּים וַעֲצוּמִים מִמֶּךָּ: וכתיב (שם ט, א) שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתָּה עֹבֵר הַיּוֹם אֶת הַיַּרְדֵּן לָבֹא לָרֶשֶׁת גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִמֶּךָּ עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצֻרֹת בַּשָּׁמָיִם. עַם גָּדוֹל וָרָם בְּנֵי עֲנָקִים אֲשֶׁר אַתָּה יָדַעְתָּ וְאַתָּה שָׁמַעְתָּ מִי יִתְיַצֵּב לִפְנֵי בְּנֵי עֲנָק. וכתיב (שם יא, כג) וְהוֹרִישׁ ה' אֶת כָּל הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִלִּפְנֵיכֶם וִירִשְׁתֶּם גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִכֶּם:

KolSatmar.com

מעגליך מיט'ן דרך הטבע [לְנַצְּחָם, ואם כן] וויאַזוי קאָן מען זיך גאָר איינרעדן כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי חָיִל.

גיט דער רמב"ן צו פאַרשטיין[טו], זאָגט דער רמב"ן, [שהרי] לכאורה ווי קען מען זיך דאָס איינרעדן, [ולזה ביאר הרמב"ן] ווייל די טבע פון ישראל [איז אַז] זיי זענען גבורים במלחמה, [זיי זענען] שטאַרקער פון די אומות, [און] מען 'קען' קלערן כוחי ועוצם ידי מצד די 'טבע', זיי זענען גבורים, זיי זענען נמשל לחיות טורפות, מ'האָט זיי געגעבן [כח הנמשל להחיות] און זיי 'זענען' אַזוי, נאָר דער בורא כל עולמים קען עס צונעמען, אַזוי זאָגט ער - אַזוי זאָגט דער רמב"ן, - אָבער אַזוי סתם [אַז] מ'האָט עס נישט צוגענומען זענען זיי אַזוי 'בעצם'.

**כט**

ולזה הוצרך הכתוב להזהיר את ישראל שלא יאמרו כוחי ועוצם ידי

איבערדעם איז דאָ כמה [פסוקים], עטליכע פסוקים, [וואָס] דער פסוק דערמאַנט, אָבער זיי זאָלן נישט פאַרגעסן [כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל].

אַזוי זאָגט דער רמב"ן באריכות דאָרט אין פרשת עקב [ומבאר בפירוש הכתובים שהכתוב מביא ג' ראיות לזה]:

ראיה ראשונה, שעכ"ז הצלחת ישראל אינו בא ע"י כוחי ועוצם ידי: כי במצרים לא היו גבורים, והשי"ת הצילם שם בלא מלחמה

איינס זאָלן זיי געדענקען, אין מצרים, דעמאָלט האָט מען נאָכנישט 'געטויגט' גאָרנישט, אין מצרים זענען זיי געווען שוואַך, נישט געהאַט גאָרנישט, און דער בורא כל עולמים האָט אָן מלחמה מציל געווען, רעכנט ער אויס זָכֹר תִּזְכֹּר [אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה' אֱלֹקֶיךָ לְפַרְעֹה וּ]לְכָל מִצְרָיִם.

ראיה שניה: כי במדבר לא הועיל שום גבורות, רק הכל היה בנסי השי"ת

דערנאָך רעכנט ער אויס אין די מדבר [וְזָכַרְתָּ אֶת כָּל הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הוֹלִיכֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ זֶה אַרְבָּעִים שָׁנָה בַּמִּדְבָּר וגו' (שם ח, ב)], אין די מדבר איז נישט פאַרהאַנדן געווען גאָרנישט, קיין שום גבורה, איז נאָר געווען בלויז נסים.

ראיה שלישית: כי הגם שאתם גבורים משאר אומות, אבל לא מבני הענק, ועכ"ז תנצחו אותם

און דריטנס זאָגט ער, זאָלסט דיך דערמאַנען אֲשֶׁר אַתָּה יָדַעְתָּ וגו' מִי יִתְיַצֵּב לִפְנֵי בְּנֵי עֲנָק, עטץ זענט טאַקע שטאַרק, אָבער די "בני ענק" זענען אָבער נאָך שטאַרקער, קעגן די בני ענק איז קיינער נישט געשטאַנען.

זאָגט מיר דער פסוק, דו זאָלסט געדענקען די אַלע דריי זאַכן, וועסטו נישט קענען זאָגן כוחי ועוצם ידי [עכ"ד הרמב"ן].

---

[טו] ברמב"ן ז"ל, וְזָכַרְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל, ידוע כי ישראל גבורים ואנשי חיל למלחמה, כי נמשלו לאריות ולזאב יטרף, ומלכי כנען במלחמה נצחו אותם, על כן אמר אם תחשוב כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, תזכור השם שהוציא אותך ממצרים ולא היה לך שם כח ועוצם יד כלל. ותזכור עוד כי במדבר אשר אין לאל ידך לחיות שם עשה לך כל צרכך, אם כן גם החיל הזה אשר עשית בכחך, השם הוא שנתן לך הכח כאשר עשית אותו, ואם תשכח את השם, יכלה כחך ושארך ותאבד כאשר אבדו הם, כי כל עוזבי ה' יכלו.

וחזר להביא עוד ראיה אחרת שלא תחשוב כחי ועצם ידי וגו', ואמר (ט, א-ב) שְׁמַע יִשְׂרָאֵל דבר אמת מפי, כי הגוים האלה הם גְּדֹלִים וַעֲצוּמִים מִמֶּךָּ ואיך תנצחם במלחמה, ועוד יש להם עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצוּרֹת לרום הַשָּׁמָיִם, ואיך תכבוש אותם, ועוד ששם עַם גָּדוֹל וָרָם בְּנֵי עֲנָקִים, שאַתָּה יָדַעְתָּ מן המרגלים שראו אותם, וְאַתָּה שָׁמַעְתָּ מימים ראשונים, שלא יתיצב אדם לפניהם. וכשיתברר לך כל זה, יש לך לדעת ולהאמין מן היום הזה, כי לא תוכל לעבור עליהם כלל עד שתדע בלבבך כי ה' הָעֹבֵר לְפָנֶיךָ הוא אֵשׁ אֹכְלָה והוא יַשְׁמִידֵם וַיַכְנִיעֵם, לא כח ועצם יד שנתן לך, אבל יד ה' עשתה זאת בתקיפין שבהם.

KolSatmar.com

## ל

**איז דאָך משמע אַז אָן די דריי זאַכן, קען מען זאָגן כוחי ועוצם ידי, האָט עס אַ דרך הטבע, איז דאָס מלובש אין דער טבע.**

[מבואר מדברי הרמב"ן ז"ל, דאפילו במלחמת ל"א מלכים שהעידה התוה"ק שהיו עצומים ורבים מאוד, אעפ"כ היה מציאות לטעות ולומר כוחי ועוצם ידי, ואף שהיא טעות גמור, אבל מ"מ אילו לא היה מציאות לזה בדרך הטבע לטעות ולומר כחי ועוצם ידי, לא הוצרך הכתוב לסתור דבריהם וכו׳.

עכ"פ היוצא לנו מכל דבריהם הנ"ל, דהנצחון במלחמה בדרך כלל אינו ענין של נס אלא דבר טבעי ותליא בהצלחה, ואפילו אם יפלו רבים וגבורים ביד מעטים וחלשים. וכל שכן בנידון דידן, במלחמת הציונים עם הערביים, לא היה אפילו ממשות וריח של נס, כי ידוע שהערביים והישמעאלים אינם אנשי חיל, ונתקיים בהם בהברכה שקיבל אביהם ישמעאל עַל פְּנֵי כָל אֶחָיו נָפָל (סוף פרשת חיי), ועיין ברש"י שם, וישראל המה גבורי מלחמה כמבואר בדברי הרמב"ן (לשון רבינו בקונטרס על הגאולה סימן ז)].

## לא

'טבע' בני ארצות ישמעאל שהם חלושים במלחמה

**דאָ [בנידון דידן] ווייסט מען דאָך, אייביג זענען די אַראַבער געווען [שוואַך], איך געדענק נאָך כד הוינא טליא, איז געווען מפורסם, [דעמאָלטס] איז עס געווען [אַז] אַלעס האָט געהערט צום 'טערק'[טז], מ'האָט אים גערופן 'דער "געלעמטער" טערק', ער האָט נישט געווינען שוין קיין מלחמה ווייס איך [וויפיל] הונדערטער יאָרן, אין די לעצטע [פאָר הונדערט יאָר], ער איז 'געווען אמאָל' זייער שטאַרק, אָבער 'לעצטנס' נישט.**

**ס'שטייט (בראשית יז, כ) [וּלְיִשְׁמָעֵאל שְׁמַעְתִּיךָ וגו׳ שְׁנֵים עָשָׂר] נְשִׂיאִם [יוֹלִיד], זאָגט ער [ברש"י] זיי זענען אַזוי ווי נשיאים [מלשון נְשִׂיאִים וְרוּחַ], כַּעֲנָנִים יִכְלוּ, אַזוי זאָגט דאָרט רש"י. זיי די בני ישמעאל זענען שוואכע, שוואכע ביי אַ מלחמה.**

**דער אמת איז, ס'איז 'גאָרנישט גאָרנישט', ס'איז מלובש בטבע.**

## לב

**איי פאַרוואָס דער בורא כל עולמים האָט דאָ געפירט?**

**נאָר לאָמיר קוקן אין דער זאַך אַריין, שמועסן צווישן אונז אַליין, אידן וואָס זיי גלייבן נאָך אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער און ס'איז דאָ אַ תורה הקדושה, און דער בורא כל עולמים [איז] וְרָשָׁע וְאֹהֵב חָמָס שָׂנְאָה נַפְשׁוֹ, ווי דוד המלך האָט געזאָגט (תהלים יא, ה). ווי דער רמב"ן זאָגט[יז]. [און] דאָס קען מען נישט קלערן אַנדערשט.**

**פאַרוואָס איז אונז געקומען אַזאַ ביטערער 'עונש', אַז אפיקורסים האָבן זיך גענומען אַ ממשלה אויף אידן?**

## לג

ע"י החיזוק שנותנים להרשעים, נותנים להם הכח לגזור עוד גזירות קשות, ומי יודע עד היכן הדברים יגיעו

**וויפיל "גזירות" זיי האָבן אָנגעגרייט מעביר צו זיין דעם כלל ישראל פון דער אמונה, פון די תורה הקדושה.**

---

[טז] כי ארץ ישראל היה כמה מאות שנים בכלל הקאלאניעס ששלטה עליהם מדינת טערקיי (עד מלחמת העולם הראשונה, שאז כבשה ממשלת בריטניא שבענגלאנד את הארץ מידם).

[יז] רמב"ן (עקב ט, ד) וז"ל, אחרי שהזהיר שלא תחשוב כוחי ועוצם ידי עשה לי וכו׳, חזר והזכיר לא תחשוב כי עשה ה׳ עמך כל זה בצדקתך, כי לא עשה לכם כן רק ברשעת הגוים האלה וכו׳. ויש על השואל לשאול, שהרי אמר (לעיל ז׳ ח׳) כי מאהבת ה׳ אתכם, והנה הם אהובים למעלה, והשם לא יאהב רק את הטובים, כי רשע ואוהב חמס שנאה נפשו, אם כן גם בצדקתם ירשו ארץ, עכ"ל ויעיי"ש מ"ש לתרץ. - וע"ע רמב"ן (סו"פ בא) וז"ל: שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו עד שנאמין בכל דברינו ומקרינו שכלם נסים אין בהם טבע ומנהגו של עולם וכו׳, אלא אם יעשה המצות יצליחנו שכרו, ואם יעבור עליהם יכריתנו ענשו. עיי"ש.

דער אייבירשטער זאָל העלפן משיח זאָל קומען פריער, חס ושלום ביז אַפאָר יאָר אַז ס'וועט דויערן וועט מען נישט קענען ממילא אַ איד וואוינען אין ארץ ישראל!!

ווער ס'זעט נאָר די גזירות, זיי זענען 'שוין' מוכן, זיי האָבן אָנגעהויבן מיט "ניתוחי מתים" האָבן זיי 'אָנגעהויבן', און ס'קומען נאָך אַנדערע [גזירות] וואָס זענען שוין פאַרטיג [נגמר אצלם בחוק, כגון] מעביר צו זיין אינגאַנצן [דעם חינוך], אינגאַנצן אינגאַנצן, די "תלמוד תורה'ס" מיט אַלעמען, אַלעס איז שוין [מוכן, הכל] האָבן זיי שוין אָנגעגרייט. - נישט נאָר זיי 'ווילן' מאַכן, [נאָר] זיי 'האָבן שוין' געמאַכט, [נאָר] זיי האָבן זיך נאָכנישט געטרויעט אינגאַנצן [להוציא החוקים אל הפועל].

מי יודע, די 'התחזקות' וואָס מ'גיט זיי יעדערער, ווי ווייט דאָס וועט גיין!!

דאָס וועט פאַרטרייבן חלילה יעדן איד פון ארץ ישראל!! אַזעלעכע ביטערע גזירות. אַז מ'וועט נאָך רעדן אַזוי [לתת להם חיזוק ושבח ח"ו].

## לד

## הציונים עושים החורבן והסכנה - והם מראים עצמם כ"מצילים"

נאָר דאָס ענין איז, מ'זאָל זיך גוט באַרעכענען, איך ברענג דאָס אַראָפּ אין ויואל משה (מאמר א, סימן קיא), ס'איז דאָ אַ באַקאַנט משל, איך האָב עס שוין אַסאַך מאָל געזאָגט - כ'האָב עס געהערט פון אַ **תלמיד חכם**. (המשל לקמן אות לו).

## לה

אייביג זענען זיי דאָך געקומען מיט דעם, [בטענת] "מצילים", אַז זיי זענען מצילים.

[אבל האמת הוא להיפוך]: מ'זאָל זיך באַרעכענען, ס'איז נישט קיין שום ספק, 'זיי' זענען 'די' וואָס זיי האָבן שאָדן געמאַכט די "זעקס מיליאָן אידן"!

אין דעם איז קיינער נישט מסופק, ווער ס'וויל נאָר וויסן דעם אמת.

אונזערע אידן נעבעך פון אונגאַרן איז דאָך שוין נתגלה געוואָרן ביי אַ משפט אַליין דאָרטן, מ'האָט געשיקט שלוחים מ'האָט זיך געוואָלט אויסגלייכן [עם הגרמנים ימ"ש], דער שליח [יואל בראנד] איז געגאַנגען, זיי האָבן נאָר נישט אויסגעזאָגט, זיי האָבן אים באַהאַלטן, זיי האָבן נישט געזאָגט דעם אמת.

ס'איז דאָך געווען אַ משפט [הנקרא משפט קאסטנער], מ'האָט זיי דאָך פאַראורטיילט טאַקע דאָרט אַליין ביים געריכט, טאַקע אין ארץ ישראל ביים געריכט, ביים שופט, דאָס איז דאָך געווען [וואָס] זיי האָבן 'דעם' גע'הרג'עט, דעם מענטש [קאסטנער, ווייל] זיי האָבן מורא געהאַט ער וועט אָנהייבן 'אויסצוזאגן', מ'דאַרף נישט איבער'חזר'ן, יעדערער ווייסט עס, אַז מ'וויל נאָר וויסן.

מ'העט עס גיווען געקאָנט רעטן דעם גאַנצן [יהדות אונגאַרן], נאָר זיי [הציונים] האָבן נישט געלאָזט, אַזוי ווי מ'ווייסט דאָך יעדערער, רבי מיכאל בער [ווייסמאנדל] ע"ה האָט [דאָס] געהאַט שוואַרץ אויף ווייס [וכמו שכתב בספרו "מן המיצר"].

זיי האָבן אַרויסגעקוקט [נאָר] אויף דעם, זיי זאָלן האָבן אַ לאַנד.

זיי זענען שופכי דמים! און היצטערט זאָל מען נאָר קוקן וואָס דאָס איז [שאין זה אלא הפקרת דמם של ישראל].

KolSatmar.com

לו

איך שרייב דאָרט [אין ויואל משה] דאָס משל:

איינער האָט געדינגען רוצחים צינדערס מ'זאָל יענעם אָנצינדן, זיי האָבן געמאַכט [א אָנשטעל], זיי זענען געגאַנגען צו יענעם און זיך געבעטן זיי זענען אורחים, און זיי האָבן געמאַכט אַ שריפה, ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו ברענען, אין די בהלה, זיי האָבן דאָך נישט געוואָלט ווייזן אַז 'זיי' זענען דאָס [די צינדער'ס], זענען זיי געלאָפן, האָבן זיי געהאָלפן [להציל קצת], זיי זענען 'געשיקט' געווען [בזריזות] האָבן זיי געהאָלפן ראַטעווען, און זיי האָבן געראַטעוועט דאָרטן 'עפּעס כלים'.

און דער [הניזוק] איז געקומען אינדערפרי אין בית המדרש צובראָכן, ס'איז פאַרברענט געוואָרן פאַר'שָׂרְפֶ'עט כָּל אֲשֶׁר לוֹ, האָט ער זיך אָנגערופן "גדולה הכנסת אורחים" (שבת קכז.), אַ מזל איך האָב געהאַט עפּעס אורחים אין שטוב, די האָבן מיר עפּעס מציל געווען, האָבן מיר געראַטעוועט.

**האָבן זיי אים געזאָגט: אוי וויי! ווען דו האָסט נישט די אורחים, העט קיינמאָל נישט געווען קיין שריפה!**

לז

דאָס איז די זעלבע זאַך, זיי [הציונים] צינדן [בהוה] און זיי האָבן געצינדן [בעבר].

לח

לאָמיר נאָר זען.

אָבער פאַרוואָס איז געווען די גאַנצע מלחמה?, פאַרוואָס איז דאָס געשען?, נישט דורך די הקמת המדינה?!

**ווען נישט די הקמת המדינה קומט מען נישט צו די אַלע צרות!**

**די אַלע [אומות הערביים] זענען אויפגעשטאַנען אויף אידן דורך 'דעם'!**

ווען מ'לאָזט 'דאָס' נאָך, העט מען זיך געקאָנט טויזנט מאָל אויסגלייכן באופנים שונים. זאָל עס זיין אונטער די אַלע אומות, צי [אונטער] די יר-ען, צי אַמעריקע, ס'קען דאָך זיין אומות שונות, דאָס ווייסט יעדערער [אַז] מ'האָט זיך געקענט פאַרגלייכן.

תחילת האָט מען דאָך נישט געזוכט נאָר די 'וואַסערן' [של הסועץ קאנאל] מ'זאָל לאָזן [לעבור דרך שם].

נאָר אפילו פון אייביג העט מען גיווען געקענט [זיך אויסגלייכן]. 'די' גאַנצע 'מלחמות' באשטייט פון 'דעם', פון 'צינדערס' [ממה שהציונים רוצים מלוכה לעצמם].

בעוונינו הרבים, הונדערטער מענטשן זענען זיי שוין מודה [אַז עס] זענען גע'הרג'עט געוואָרן אין 'דער' קריג.

**וויפיל יראים ושלימים וואָס זיי האָבן גענומען מיט דער געוואַלד צום פראָנט איז דאָ?! ווער ווייסט וויפיל אידן זענען גע'הרג'עט געוואָרן?, וויפיל אלמנות ויתומים זענען געבליבן?**

**מיט דעם קאָן מען זיך פרייען?!**

**אוי! וויפיל אלמנות און יתומים זענען דאָ?**

דער בורא כל עולמים האָט רחמנות געהאַט, מ'האָט נישט געמאַכט כָּלָה פונעם כלל ישראל. אָבער דורך זיי איז געווען דער צאָרן צו מאַכן כליה.

אָבער 'דאָס' [כמה מאות] האָט מען גע'הרג'עט.

לט

לאָמיר נאָר זען [להמשיך לפי המשל הנ"ל]. ווען די צינדערס זענען מציל [הבני בית, עס ווערן אָבער פארברענט אַפאָר קינדער, מוז ער זיך זעצן שבעה!. ער קאָן זיך נישט פרייען מ'האָט מיר געראַטעוועט עפעס, מ'האָט מיר געראַטעוועט! ער קאָן נישט מאַכן קיין יום טוב, ער מוז נוהג זיין אבילות אויף די קינדער וואָס זענען פארברענט געוואָרן.

[ולפי זה מה גדלה התמיהה על המאורע, וכי] **אויף דעם מאַכט מען אַ יום טוב?!**

מ

אמת הדבר, דער בורא כל עולמים האָט געקאָנט פירן אויף אַן אַנדערן אופן, ס'זאָל נישט קומען דערצו [שלא יהא ההצלה נראה כמלובש על ידם].

אָבער מ'זעה מיר דאָך [בגמרא ע"ז הנ"ל], הבא לטמא פותחין לו, איז עס געגאַנגען אויף אַזאַ דרך.

דאָס איז דער כח פונעם ס"מ ווי כ'האָב פריער געזאָגט (אות כג). - ס'איז מיר נאָר אַ וואונדער [אַז] ער האָט נישט באַוויזן נאָך גרעסערע נסים. -

איז עס געגאַנגען אויף דעם אופן אַז מ'זאָל נאָך קענען 'פארנארן' די בלינדע וועלט, די 'בלינדע וועלט', זיי זאָלן נאָך זאָגן "נסים! נסים!".

מא

זיי אַליין [הציונים] קענען גאָרנישט זאָגן דאָס 'וואָרט' "נסים", זיי זענען דאָך כופרים אין אַלע נסים.

נאָר די 'נאכשלעפערס', 'די' פאַרפירן אונז, די וואָס זענען אין כלל פון שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ, זיי האַלטן נאָך [תורה ומצות], די שומרי תורה, איז זיך דער ס"מ מתלבש אין זיי. זיי ווייסן אַליין ניטאָמאָל וואָס זיי טוען און וואָס זיי זאָגן, אַז מ'וועט זיי פרעגן [חָזְקוּ עָלַי דִּבְרֵיכֶם] וועלן זיי זאָגן "מ'זאָג מיר גאָרנישט" [מַה נִּדְבַּרְנוּ עָלֶיךָ], אדרבה מ'לויב מיר אידן, און מ'זאָג מיר נאָר [שבח על נסים שלך].

דאָס איז עס בעוונינו הרבים, דאָס איז 'דער' פסוק [דסוף מלאכי שנתקיים כעת] במלוא מובן המלה.

מב

## ענין התגרות באומות

בנס פורים לא רצו חז"ל לפרסם הנס, שלא לעורר קנאה בין האומות

און ווייסט נאָך השי"ת וואָס ס'קאָן נאָך ווערן פון דעם.

מג

די **גמרא** זאָגט (מגילה ז.) אסתר האָט געזאָגט [לחכמים] קִבְעוּנִי לְדוֹרוֹת [לכתוב נס פורים שלה במגילה]. האָבן די חכמים געזאָגט קִנְאָה אַתְּ מְעוֹרֶרֶת עָלֵינוּ בֵּין הָאֻמּוֹת, לאָמיר נישט מאַכן קיין 'געשעפט' [=עסק ופרסום] דערפון, [אונז] האָב מיר טאַקע געהאַט אַ נס, [אָבער] קִנְאָה אַתְּ מְעוֹרֶרֶת עָלֵינוּ. האָט זי געענטפערט, כְּבַר אֲנִי כְּתוּבָה עַל סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים [לְמַלְכֵי מָדַי וּפָרָס].

און דער אמת האָט מען [נאָכדעם] געטראָפן ברוח הקודש, ס'שטייט אין פסוק [כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר (בשלח יז, יד)] אויף דער נס פון פורים. [און] דער **ירושלמי** זאָגט (מגילה פ"א ה"ה) מ'האָט נאָך אויפן באַרג סיני געגעבן די מגילה.

אַז נישט האָט מען נישט געוואָלט מאַכן [פרסום מהנס פורים], וועגן קנאה בין האומות, אַזוי שטייט אין די גמרא.

מד

און דאָ גייט מען מיט אַזאַ׳ן עזות וחוצפה ביי די אומות העולם ווייזן יָדֵנוּ רָמָה"[יח].

**ווייסט השי״ת וואָס דאָס קען נאָך ברענגען ווייטער! מ׳דאַרף מיר גרויס רחמים! רחמי שמים אויף דעם ביסל אידן וואָס זענען נאָך דאָ!** [שלא יתרבו שנאת האומות עליהם].

[און] אַלעס בסיבתם של אלה הרשעים, פון די אפיקורסים וואָס האָבן אויסגעשמד׳ט.

מה

## שלא לפחוד אפי׳ מנס כהעמדת החמה

איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט, **רבי יעקב עמדין** (זלה״ה) זאָגט אין מגדל עוז[יט] (עליית היראה, גנזך כב), דו זאָלסט דיך נישט פאַרכטן אפילו זיי באַווייזן גאָר דער העמדת החמה כיהושע בן נון.

אָבער דער אמת, דער אייבירשטער האָט אָבער רחמנות געהאַט אויפן דור, ס׳איז נישט געשען אַזעלעכע זאַכן וואָס מ׳זאָל דאָס ברויכן אפילו באַנוצן [את דברי היעב״ץ].

אָבער מ׳מוז זיין געפאַסט [=מוכן] אויף דעם אויך. איבערהויפט ווייטער [בעתיד] **מוז מען זיין געפאַסט אויף דעם אויך!**

בעוונינו הרבים דער שפלות הדור, מִי יוֹדֵעַ, רחמנא ליצלן קאָן דאָס אויך געשען.

**וואָס קאָן מען זיך העלפן! מ׳ליגט אין אַזאַ שפלות! אֵין חוֹנֵן וְאֵין מְרַחֵם! אָבַד חָסִיד מִן הָאָרֶץ! מִי יִגְדֹּר גֶּדֶר וּמִי יַעֲמוֹד בַּפֶּרֶץ! נישטאָ ווער זאָל אונז העלפן, איין בורא כל עולמים וואָס ער קען אונז העלפן!**

**בעוונינו הרבים, נישטאָ ווער ס׳זאָל זיך אומקוקן אויפ׳ן דור! כֻּלָּנוּ כַּצֹּאן תָּעִינוּ! מ׳זעמיר זייער נידריג און שָׁפָל!**

**לאָמיר זיך בעטן צום בורא כל עולמים ער זאָל אונז נישט פאַרלאָזן.**

מו

## למי שעובר על איסור אי אפשר להתרחש נסים

מבואר בגמרא בעובדא דאחות אשתו דרבי מאיר, דרק אם לא עשתה איסור יכולין להצילה בדרך נס

די גמרא זאָגט אין עבודה זרה דף י״ח (ע״א), **בְּרוּרְיָה דְבִיתְהוּ דְרַבִּי מֵאִיר**, די שוועסטער [של בְּרוּרְיָה אשתו] **איז געפאַנגען געוואָרן בְקוּבָּה שֶׁל זוֹנוֹת**, [אָזַל ר׳ מאיר וְאָמַר, אִי לֹא אִיתְעֲבִיד בָּהּ אִיסּוּרָא אִיתְרַחִישׁ נִיסָּא. וְאִי עָבְדַת אִיסּוּרָא לֹא אִיתְרַחִישׁ נִיסָּא וכו׳], **ער האָט זי מציל געוועזן מיט אַ נס** [וצוה להשומר לומר] **אֱלָקָא דְמֵאִיר עֲנֵנִי.**

זאָגט די גמרא, ערשטנס האָט ער געוואָלט וויסן צי זי האָט נישט חלילה געטוהן דאָרט קיין איסור, [צי] זי איז נישט נכשל געוואָרן, [ווייל] טאָמער האָט מען געטוהן אַן

---

[יח] מלשון הפסוק (האזינו לב, כז) פֶּן יֹאמְרוּ יָדֵנוּ רָמָה וְלֹא ה׳ פָּעַל כָּל זֹאת.

[יט] וזל״ק, וכן אל יפול לב אדם עליו בראותו דברים זרים לטבע, נפלאות ודוגמת נסים, נעשים לפעמים על ידי מסיתים ומדיחים ואפיקורסים כמש״ה כי יקום בקרבך וכו׳ ואל יחלש לבך באמונתך מחמתם ח״ו אפילו אם ברור לך הדבר שנעשה בדמות נס נקי מכל חשד ערמה מכל מקום אל יפוג לבך ולא יסוג אחור ואל תשגיח בכל האותות והמופתים שיעשו מסיתים, ומפתים להניא לבבך מדרך תורתיך ואמונתיך אפילו אם מעמיד נביא חמה באמצע הרקיע כיהושע בן נון, אל תשמע לו לעבוד ע״ז וכו׳. עיי״ש באריכות גדול.

ורבינו העתיק דברי היעב״ץ בסוף קונטרס על הגאולה ועה״ת, ובויואל משה (א, מו), וכן ציין לזה במכתב להעדה החרדית (דברי יואל מכתבים, סוף מכתב עה). וכן בשנת תשי״ז בשעת המלחמה בכיבוש סיני צוה רבינו לפרסם בבית המדרש העתק מדברי היעב״ץ אלו, (ועיין ס״ג וישלח תשי״ז לשון קדשו אות נט).

KolSatmar.com

איסור "לֹא אִיתְרַחִישׁ נִיסָּא", אַ נס קען נאָר זיין אַז מ'טוט נישט קיין איסור, טאָמער איז עס באיסור איז נישט פאַרהאַנדן קיין נס, אַזוי זאָגט די גמרא אין עבודה זרה.

וכן מבואר ברמב"ן בעובדא דשאול המלך עשה חרם שלא לאכול, ובנו יונתן לא ידע וטעם מהדבש בשוגג

אַזוי זאָגט דער רמב"ן אויך אין סוף פרשת בחקותי, [בביאור הפסוק] (שמואל א' יד, מה) וַיִּפְדּוּ הָעָם אֶת יוֹנָתָן וְלֹא מֵת, הֲיוֹנָתָן יָמוּת אֲשֶׁר עָשָׂה הַיְשׁוּעָה הַגְּדוֹלָה הַזֹּאת בְּיִשְׂרָאֵל. ער האָט דאָך אָבער עובר געווען אויפן חרם, [אָבער] דאָס איז געווען ווייל ער האָט נישט געוואוסט, ס'איז געווען בשוגג, אַ שוגג גמור.

וכתב הרמב"ן דממה שנעשה נס על ידי יונתן, מזה היה להם ראיה ברורה שלא עשה זאת באיסור

זאָגט ער [ברמב"ן], זיי האָבן געהאַט אַ ראיה [שלא עבר במזיד, ווייל] אַז ער איז געווען, אַז ס'איז אַזאַ נס געשען דורך אים [הישועה הגדולה הזאת בישראל], מסתמא האָט ער נישט עובר געווען אויף קיין חרם. אַז ער העט גיווען עובר געווען אַ חרם העט ער דאָך געווען אַ רשע, און דורך אַ רשע טוט מען נישט קיין נס, אַזוי זאָגט דער רמב"ן.

וכן כתב הריב"ש דאין הקב"ה עושה נסים ברשעים

דאָס זעלבע זאָגט דער ריב"ש אין תשובה סימן קע"א, ער זאָגט נאָך דאָס לשון, "אין הקב"ה עושה נסים ברשעים עוברים על חרם", דאָס קען נישט זיין.

(ועיין זה בעל הגאולה ועה"ת סימן יא)

### מז

חיל הצבא של הציונים הוא כולו באיסור ובערוה, ואיך אפשר לחשוב שיתרחש להם ניסא

**און די זענען חולק על כל התורה כולה, מ'גייט באיסור, בערוה, דאָס מיליטער איז אַלדינגס מיט רחמנא ליצלן אויפ'ן אַרגסטן אופן.**

**און דאָס "גאַנצע" [כל עצם המיליטער והמלוכה] איז באיסור, מ'טאָר נישט האָבן גאָר [מלוכת ישראל לפני ביאת המשיח], מ'טאָר נישט זיין אין קיין מלוכה, מ'טאָר נישט זיין קיין ממשלת כופרים לא עלינו.**

### מח

אפילו באמצע ימי המלחמה עברו איסורים חמורים מחדש

בעוונינו הרבים, איך האָב געזען, ס'איז געקומען דאָ היצט אַ בריוו פון ר' רפאל סאלאווייטשיק, בריסקער רב'ס זוהן, שרייט ער געוואַלד, היצטערט אין די צרות, אינמיטן די מלחמה, שניידן זיי נאָך אַרגער די מתים ווי פריער, זיי האָבן גענומען אַ קינד אַ "גוֹסֵס" האָבן זיי גענומען און זיי זענען געגאַנגען דאָס מאַכן [שעשו בו ניתוחים], אַזוי שרייבט ער, איז היצט דאָ פון אים אַ בריוו.

זיי זענען נישט נותן אל הלב געווען [להתיירא מן החטא, אפילו] היצט ווען מ'איז [בעת מלחמה], כאָטשיג ווען מ'איז אין 'אַזאַ' צייט.

### מט

**זאָל מען קענען גאָר זאָגן [שלרשעים כאלה נעשה נסים מן השמים, וכאילו] חס ושלום דער בורא כל עולמים וויל האָבן אפיקורסים אויף דער וועלט?**

**פאַר 'דעם' האָט דער בורא כל עולמים געטון נסים?**

**געוואַלד און געשריגן!**

**ווי קאָן זיין אַזאַ, ווי קאָן זיין אַזאַ מינות ואפיקורסות מ'זאָל אַזוינס זאָגן?**

KolSatmar.com

נ

## ביאור שבכל אופן היו צריכין להרבות בתפלה בעת צרת המלחמה

בודאי שצריכים להתפלל שלא יזוקו בני ישראל מן הרוצחים הישמעאלים

אודאי, אויף דעם האָט מען אודאי געדאַרפט מתפלל זיין, די אפיקורסים האָבן עס געברענגט אַזוי ווייט, [אַז] זיי האָבן געוואָלט קומען די רשעים די ישמעאלים חס ושלום להשמיד ולהרוג, האָט מען געדאַרפט בעטן אַז זיי [הישמעאלים] זאָלן נישט קיין כח האָבן, זיי זאָלן נישט קענען טוהן, דאָס האָט מען אודאי געמוזט מתפלל זיין, דאָס איז שוין קיין שמועס נישט, ביז דערווייל קודם [להציל] די 'גופים', - זיי [הישמעלים] זענען רוצחים אויף די 'גופים', און זיי [הציונים] זענען מזיקים אויף די 'נשמות', 'און' אויף די 'גופים', - נאָר אף על פי כן קודם דערווייל מוז מען זען, מוז מען מתפלל זיין אַז מ'זאָל ניצול ווערן [בגוף].

חס ושלום אַז מ'הרג'עט, איז דאָך שוין נישטאָ וואָס צו רעכענען. 'אַזוי' [אם נשארים חיים] האָב מיר נאָך עפּעס צו האָפן דאָך, פון די אידן ווער 'דאָך' עפּעס נאָך ווערן, מ'וועט נאָך דערגרייכן אַ ישועה.

נא

דאָס איז זיכער, די וואָס רעדן שטותים מיט הבלים, דברי שגעון, ס'זאָלן קומען די אַראַבער, פון דעם איז נישטאָ וואָס צו שמועסן [אַז] די פאַרשמוצן די פאַרדאַרבן, אַזוי ווי כ'האָב געזאָגט (בפרשת בחקותי בפתיחה לתלמידי הישיבה) [מה דכתיב] וְרָדוּ בָכֶם [שֹׂנְאֵיכֶם, ופירש"י] מכם ובכם.

ער [השטן] האָט אויפגעשטעלט אַ כּת "ציונים", און דערנאָך האָט ער געוואָלט נעמען "מזרחים", [ווייל] ס'הייסט 'תורה', און דערנאָך איז דאָ די "אגודה". ס'איז נאָכנישט גענוג צו פאַרפירן, איז דאָ אַזעלעכע וואָס זענען מיט דעם 'לבוש' פון נטורי קרתא, זיי גייען מיט דעם, זיי זענען נאָך שטאַרקערע קנאים, און זיי פאַרדאַרבן, זיי טוען [על דעת עצמם].

למען השם מ'זאָל נישט קלעבן קיין צעטלען, מ'זאָל נישט [פירן] קיין וויכוחים, מ'זאָל נישט רעדן מיט די וואָס ער האָט נישט וואָס צו טוהן. ס'שטייט נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' "אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ", צווישן 'אידן אַליין' ברויך מען זיך האַלטן. מ'זאָל זיך היטן פון 'די' און פון 'די'.

נב

## ביאור בענין נוסח ברכת "וְלַמַּלְשִׁינִים"

איך האָב אינזין געהאַט, מ'זאָגט די ברכת וְלַמַּלְשִׁינִים, ס'ווערט אָנגערופן "ברכת המינים"[כ].

דער רמב"ם זאָגט אין הלכות תפלה[כא], בימי רבן גמליאל צָץ[כב] המינות בישראל, האָבן זיי געזען די חכמים אַז דאָס איז דער גרעסטער צורך פאַר אידן, [מ'זאָל] מתפלל

---

[כ] כן הוא בלשון הגמרא בברכות (כח: וכט.) בגמרא שבכת"י ובכל הדפוסים ישנים, אלא שבדפוסים האחרונים הדפיסו "ברכת הצדוקים" מפני הצענזור. ועיין בבית יוסף (או"ח סימן קכו) שהעתיק בלשון הגמרא "ברכת המינים".

[כא] ברמב"ם (תפילה ב, א) וז"ל, בימי רבן גמליאל רבו הָאַפִּיקוֹרְסִין בישראל, והיו מצירים לישראל ומסיתין אותן לשוב מאחרי השם, וכיון שראה שזו גדולה מכל צרכי בני אדם עמד הוא ובית דינו והתקין ברכה אחת שתהיה בה

KolSatmar.com

זיין אויף דעם [לְאַבֵּד האפיקורסים], האָט מען מתקן געווען ברכת המינים. מ׳האָט געזען דאָס איז דער גרעסטער צורך פון אַלע תפילות.

ס׳ווערט אָנגערופן ברכת המינים.

**נג**

לעולם [ווען] ס׳האָט זיך אָנגעהויבן, איז געווען נוסחאות, פריערדיגע נוסחאות זענען געווען וְלַכּוֹפְרִים, דערנאָך איז געווען אַ נוסח וְלַמְשׁוּמָּדִים, [אָדער] וְלַמּוּמְרִים.

דער בית יוסף אין **כסף משנה** ברענגט פון **רבינו מנוח**[כג] [על הנוסח ״ולמומרים״], פרעגט ער אַ קשיא, דאָס איז דאָך ברכת ״המינים״, וואָס הייבט מען אָן עפעס מיט ״משומדים״, זאָל מען אָנהייבן מיט ״מינים״.

ענטפערט ער, ווייל ער דערציילט [אגב אורחייהו אשמועינן, אַז] געוויינטליך משומדים זענען אויך מינים.

און דערנאָך, מ׳זאָל וויסן זיך צו היטן, מ׳זאָל נישט אַריינפאַלן חלילה אין דעם, מ׳זאָל זיך נישט שְׁמַד׳ן.

נאָר אַ פלא, שפעטער איז געבליבן דער נוסח ״וְלַמַּלְשִׁינִים״, אין **שולחן ערוך** (או״ח קכו, א) ווערט עס אָנגערופן ברכת וְלַמַּלְשִׁינִים.

אין **אר״י הקדוש** (פע״ח שער העמידה פי״ט) זעט אויך אָבער אויס, אַז מ׳פלעגט נאָך [בימיו שהוא בימי הב״י] ׳אויך׳ זאָגן וְלַמְשׁוּמָּדִים[כד]. נאָר דער **משנת חסידים** [שהיה אחריהם] זאָגט דעם נוסח וְלַמַּלְשִׁינִים, און דאָס איז נתפשט געוואָרן [בדורות האחרונים], ׳דער׳ נוסח ״וְלַמַּלְשִׁינִים״.

**נד**

ס׳איז אַביסל שווער צו פאַרשטיין, וואָס הייבט ער עפעס אָן מיטן ״וְלַמַּלְשִׁינִים״, ס׳ווערט אָנגערופן ״ברכת המינים״, די גמרא (ברכות כח:) זאָגט מ׳האָט מתקן געווען [ברכה זו משרבו המינים], ס׳האָט [דאָך] געקאָנט זיין ׳אינדערמיט׳ דאַרף ער כולל זיין [גם המלשינים, אָבער] וואָס ׳הייבט ער אָן׳ וְלַמַּלְשִׁינִים.

**נה**

נאָר וואָס׳זשע דען, היצט ווען איך זעה אָבער דעם מצב, איז מיר אַביסל פאַרענטפערט.

דער דרך איז פון די אַלע [מלשינים, אַז] אויף די וואָס זיי רעדן מיט אמונה, [שאומרים] מ׳דאַרף זיך היטן [פון] די אַלע מינים ואפיקורסים און מ׳זאָגט איבערדעם ברכת המינים, זענען זיי ׳מלשין׳ אויף זיי [על המדברים נגד המינים]. **מיט דעם מאַכט מען שוואַך דעם כח האמונה.** מ׳זאָגט אַז די ווילן חלילה [ס׳זאָלן קומען די אַראַבער, ואומרים שאלו היראים

---

שאלה מלפני השם לְאַבֵּד הָאֲפִּיקוֹרְסִין וקבע אותה בתפלה כדי שתהיה ערוכה בפי הכל. [ובהל׳ עבודת יוהכ״פ (א, ב) כתב הרמב״ם בזה הלשון: בימי בית שני צץ המינות בישראל וכו׳].

[כב] פי׳ ארויסגעשפראָצט. מלשון וַיָּצֵץ צִיץ (במדבר יז, כג).

[כג] **בכסף משנה** (תפילה שם). וכתב ה״ר מנוח, ואם תאמר אם כן דמפני האפיקורסים תקנו, היה להם להתחיל ״לאפיקורסים״ אל תהי תקוה. ויש לומר דאגב אורחייהו אשמועינן דמומר סתמיה אפיקורוס הוא, כדאיתא בהוריות (דף יא.). אי נמי כדי שימנעו העם להטות אחריהם להמיר ולצאת מכלל הדת, תקנו להודיע שאין למומרים תקוה, עכ״ל.

[כד] והיינו שבימיו היו מי שכבר אמרו הנוסח ״ולמלשינים״, אבל היו מי שאמרו עדיין ״ולמשומדים״, כי נקרא הברכה שם על שם ב׳ הנוסחאות.

KolSatmar.com

שמדברים כנגד המינים] זיי זענען גאָר שונאי ישראל, אַזוי ווי מ'זאָגט שוין. איינער גיט די געלעגנהייט היצטערט, [און] איינער זאָגט [אַז] חלילה חס ושלום מ'האָט געוואָלט די אַראַבער זאָלן קומען חלילה און הרג'ענען, מ'האָט נישט רחמנות אויף אידן, אַזוי ווי זיי [זאָגן ומכנים אותנו בשם] "שונאים! שונאים", די זענען די שונאי ישראל, מ'שיקט [=שמפיצים] שקרים וכזבים.

הייבט מען אָן קודם ["וְלַמַּלְשִׁינִים" אַל תְּהִי תִקְוָה, אַז] די וואָס זענען מלשין אויף די מאמינים זאָלן נישט קענען אויפטוהן גאָרנישט, ממילא וועט מען קענען זאָגן געהעריג די ברכת המינים, וְכָל "הַמִּינִים" כְּרֶגַע יֹאבֵדוּ, געהעריג ברכת המינים.

מ'איז מלשין אויף דער אמונה. די מלשינים מיינט מען אויך אמונה.

**נו**

דעס וואָס כ'האָב פריער געזאָגט, די וואָס זענען גאָר אָן דעת, זיי די 'אינגלעך' זאָלן זיך נישט 'מאַכטיגן' אַליין צו טוהן, זאָגן, און שרייבן צעטלען. מיט דעם גיט מען כח פאַר די "למלשינים". מ'ווייסט נישט וואָס מ'רעדט.

הגם זיי זאָגן סיי ווי סיי, זיי זאָגן, נאָר איך פרעג נישט! לֹא אֶחוֹת מִפְּנֵי כֹּל! איך ווייס מ'וועט 'אַריינשטעלן', און זיי וועלן 'זאָגן', איך האָב נישט קיין מורא!

וואָס זאָל מען טוהן! בעוונינו הרבים אין דאָס גלות זענען אידן אַזוי נידריג, מ'טאָר נישט קוקן אויף גאָרנישט! מ'איז מחוייב עפּעס צו זאָגן!

[אָבער] נאָר 'צווישן זיך'. ס'שטייט נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' "אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ".

**נז**

## כל דיבור שמדברים בעת כזאת, נכתב בספר זכרון לפניו

מה משמעינו הפסוק כאן שיכתב בספר זכרון, הלא הכל נכתב בספר

**איר זאָלט געדענקען דעם אויסלאָז פונעם פסוק. וַיִּכָּתֵב סֵפֶר זִכָּרוֹן [לְפָנָיו].**

וואָס עפּעס בסֵפֶר זִכָּרוֹן. אַלדינגס ווערט דאָך בסֵפֶר זִכָּרוֹן פאַרן אייבירשטען פאַרשריבן.

אלא שהכתוב מחזק יראי ה', שידעו שהכל נכתב, ויבוא עוד זמן שיתגלה האמת והצדק, ושבו וראו בין עובד אלקים לאשר לא עבדו

[נאָר] דער פסוק זאָגט מיר, אין 'דער צייט', - אַזוי זאָגן, טייטשן די מפרשים[כה] - אין דער צייט וואָס ס'וועט גיין אַזעלעכע שמועסן [נבנו עושי רשעה, בָּחֲנוּ אֱלֹקִים וַיִּמָּלֵטוּ], וועט זיך טרעפן יִרְאֵי ה' [שנדברים] אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, [און] זיי וועלן זאָגן "ס'איז נישט אַזוי".

---

[כה] ז"ל הרד"ק: אז נדברו יראי ה', כי המאמר ההוא, הוא מאמר אנשים שלא יבינו דרכי ה' ומשפטיו, וכשישמעו יראי ה' הדברים מהאנשים האלה הכופרים בהשגחת האל בתחתונים, נדברו הם איש אל רעהו ומרבים בדברים האלה ונושאים ונותנים בהם, עד שימצאו בשכלם כי כל דרכיו משפט אל אמונה ואין עול, עכ"ל.

וכ"כ במצודות שם עה"כ אז נדברו יראי ה' וז"ל: בזה ישוב על אמריהם, כלומר, הנה דעו כי אז כששמעו יראי ה' דברי הרשעים ההם המעוררים ספיקות ותלונות, נדברו גם הם איש אל רעהו כנושאים ונותנים בדברים האלה, עד שמצאו בדעתם כי כל דרכיו משפט אל אמונה ואין עול. וה' הטה אוזן להקשיב אמריהם ושמעם, ויכתבם על ספר להיות זכרון לפניו ליראי ה' ולאותן החושבים רוממות שמו, למען לא יקופח שכרם לעתיד, וכמ"ש (דניאל יב) ובעת ההיא ימלט עמך כל הנמצא כתוב בספר, עכ"ל.

והמהר"י קארו כתב וז"ל: ויכתב ספר זכרון לפניו, שומע הקב"ה דברי הרשעים ודברי הצדיקים וכותבן לפניו בספר זכרון, ע"כ. ולהלן על הכתוב והיו לי אמר ה' צבאות כתב וזה לשונו, ולפי שאני כתב דברי שניהם, כדי שיהיו לי לזכרון ליום שאפרע מהם, עכ"ל.

KolSatmar.com

בעוונינו הרבים וואָס קאָן מען טוהן? מ'קאָן נישט איבערצייגן [די וועלט]. נאָר וויסן זאָל מען, ס'איז פאַרשריבן פאַרן בורא כל עולמים!

אידן וועלן דאָך אַמאָל געהאָלפן ווערן, וועט מען יעדן ווייזן אַמאָל, יעדער וועט זיין פאַרשריבן 'וואָס' מ'האָט געזאָגט. דעמאָלטס וועט מען זען ווער ס'איז גערעכט געוועזן.

אוי וויי! למען השם זאָל מיר זיין פאַרשריבן צווישן 'די' וואָס זיי זאָגן דאָס 'נישט'!

אַלע ווערן פאַרשריבן אין סֵפֶר זִכָּרוֹן, אַזוי זאָגט דער פסוק.

וויאַזוי כ'וועל זאָגן [און] טייטשן [בפירוש הפסוק], צי מ'טייטשט וויאַזוי איך האָב געזאָגט, צי אַנדערע טייטשן [וואָס] מ'קוקט אַריין [בספרים], אָבער על כל פנים דאָס זאָגט דער פסוק, עטץ זאָגטס שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים, אַזוי ווי ער פירט אויס מיט דער [וְעַתָּה אֲנַחְנוּ] מְאַשְּׁרִים זֵדִים, בָּחֲנוּ את אֱלֹקִים, זיי האָבן אויספּרובירט, מ'ווייזט איבער וואָס זיי זענען, זיי האָבן אַ כח, וַיִּמָּלֵטוּ [שנעשה 'הצלה' והמלטה על ידם].

איי זיי האָבן דאָך גורם געווען דאָס גאַנצע [סכנה], זיי האָבן דאָך אָנגעצינדן דאָס גאַנצע פייער, ס'העט נישט גיווען געקומען דערצו [אם לא בסיבתם].

נאָר דער בורא כל עולמים האָט רחמנות געהאַט דאָך.

און פאַרוואָס איז עס געווען אויף אַזאַ אופן, ס'האָט געקאָנט זיין אויף אַן אַנדערן אופן. נאָר [אַז] מ'זאָל זיי געבן אַ פתחון פה, הבא לטמא פותחין לו. דאָס איז דער כח פונעם ס"מ וואָס מ'לאָזט צו [מן השמים שיהיה לו כח כזה].

## נח

## עוד קצת ביאור איך שהניחו מצב כזאת מן השמים

*איתא במדרש שכל הפמליא של מעלה הסכימו למכת חושך, וצ"ב דמה נשתנה בזה מכת חושך משאר המכות?*

איך האָב אַמאָל געזאָגט, ס'שטייט (תהלים קה) **שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ**, זאָגט דער מדרש (שמו"ר יד, א), דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט איך וויל ברענגען חושך אויף די מצריים, הסכימו כולם, די פמליא של מעלה, קיינער האָט נישט געזאָגט פאַרקערט.

פאַרוואָס עפּעס פונקט דעמאָלטס האָבן זיי [מסכים געווען] די גאַנצע פמליא של מעלה, און פאַרוואָס זאָל מען זאָגן פאַרקערט, פאַרוואָס דעמאָלטס נישט.

*וביארתי דיען דבמכת חושך היה טובה וגם צרה לישראל, על כן שתקו כולם, הן המיימינים והן המשמאילים*

האָב איך אַמאָל געזאָגט[כו], ווייל ס'איז דאָך דאָ אויבן מַיְמִינִים וּמַשְׂמְאִלִים, די שָׂרִים [הַמַּשְׂמְאִילִים] וואָס פאַרטרעטן די 'מצריים', און די שָׂרִים [הַמַּיְמִינִים] וואָס פאַרטרעטן 'אידן', ס'איז דאָך דאָ למעלה **מלאך מיכאל** און כדומה וואָס זענען 'מלמדי זכות על ישראל'.

איבערדעם ביי יעדע מכה [בשאר מכות שבמצרים היה ויכוח למעלה], די מלמדי זכות על ישראל האָבן עס 'פאַרטרעטן' [להמכה שיבוא], אָבער די וואָס זיי האָבן געהאָלפן די מצריים האָבן נישט געוואָלט.

[כו] בס"ג פרשת בא תשט"ז. ועיין על הגאולה ועל התמורה (אות לז).

KolSatmar.com

[אָבער] ביי מכת חושך איז געווען צוויי זאַכן [צרה לישראל, וגם טובה לישראל]:

ס׳איז געווען דעמאָלטס דריי [טאָג] וואָס ס׳איז געווען אַ גרויסע מפלה נעבעך [לרשעי ישראל], זיי זענען דאָך נאָר אחד מחמשה זענען דאָך געבליבן [בחיים], זיי זענען דאָך געבליבן [שם במצרים כמה חלקים מישראל] אין די שלשת ימי אפילה, זענען דאָך געבליבן אַסאַך אידן דאָרט.

און ווידעראום איז געווען ווידעראום, אידן האָבן געזען [בבתי המצריים], דעם רכוש גדול האָבן זיי דעמאָלטס געזען, זיי האָבן עס דעמאָלטס געהאַט [שיכלו לקחתו ועכ״ז לא לקחו, ומפני זה אח״כ בעת צאתם ממצרים כשבקשו מהמצריים ולא רצו ליתן, ואמרו להם בנ״י דהלא מונח שם ושם וראיתיו בימי חושך, וראו המצרים איך שיכלו ליקח ולא לקחו, האמינום והשאילו להם].

איז דאָך געווען איין זייט אַ טובה פאַר אידן, און איין זייט איז געוועזן אַ רעה [פאַר אידן]. זענען זיי ׳אַלע׳ [שרי מעלה] שטיין געבליבן, קיינער האָט נישט געקענט זאָגן אַנדערש, נישט געקאָנט זאָגן פאַרקערט, סיי ׳די׳ און סיי ׳די׳ איז געווען כולם הסכימו.

**נט**

וכעין זה אירע כעת, שממלחמה זו נולד צרה גדולה של בלבול הדעת ומחשבות כפירה,
אבל יען היה גם הכרח להצלת ישראל, על כן הניחו מן השמים שיתגלגל הדבר כמו שהיה

בעונותינו הרבים דאָס האָט באַטראָפן היצטערט, דעם ס״מ האָט געטויגט דאָס עסק [כדי שישבחו וירוממו את הרשעים], און די ׳מלמדי זכות על ישראל׳ האָבן אויך נישט געקענט זאָגן, חלילה [אַז] מ׳זאָל אַריינלאָזן די רשעים די אַראַבער דאָס איז נישט גוט, העט דעך דאָך געווען גיוועץ חס ושלום אַ שחיטה. על כל פנים איז דאָס אַזוי געוואָרן.

**ס**

יהיה איך שיהיה דרכי השם יתברך נעלמו מאתנו, על כל פנים אַזוי איז עס.

צריך להודות לה׳ בינו לבין קונו על אותן שניצולו, אבל מן הציונים ״המציתים״ יש לברוח כרחוק מזרח ממערב

אַז ס׳געשעט איינעם אַ ביטערע שריפה, און מ׳ווערט נישט אינגאַנצן פאַר׳שָׂרְפְ׳עט נאָר ס׳ווערן פאַרברענט [חלק מהבני בית], דאַרף ער מִתְאַבֵּל זיין אויף די [על אותן שנאבדו], און לויבן בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אויף דעם וואָס ס׳איז געבליבן, אָבער פאַר דעם צינדער קען מען נישט געבן קיין דאַנק, פון דעם צינדער ברויך מען אַנטלויפן כרחוק מזרח ממערב!

זיי האָבן אַלעס גורם געווען! זיי זענען געגאַנגען [במלחמה].

פאַרוואָס איז מען זיך געגאַנגען שלאָגן? אַלעס פאַר דער ביטערע ״הקמת אותה המדינה״ וואָס ס׳איז אַן ״אֶבֶן נֶגֶף״ לְיִשְׂרָאֵל און הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

**סא**

המיליטער של הציונים הם הבריונים שילחמו נגד מלך המשיח

בעונותינו הרבים, שטייט[כז] אַז די בריונים פון אידן וועלן גיין מיט גוג ומגוג׳ן אינאיינעם, לוחם זיין מיט׳ן מלך המשיח.

דאָס איז ׳דעס׳ מיליטער, די זענען אויסגעשולט געוואָרן [לזה], ׳די׳ וועלן גיין ״קעגן״ מלך המשיח לוחם זיין.

---

[כז] בזוהר הקדוש (פ׳ שמות, ח״ב דף ז:) וּמַלְכָּא מְשִׁיחָא יִתְיְדַע בְּכָל עָלְמָא, וְכָל מַלְכִין דְּעָלְמָא יִתְעָרוּן לְאִתְחַבְּרָא לַאֲגָחָא קְרָבָא בֵּיהּ. וְכַמָּה מְפַרִיצֵי יְהוּדָאִין, יִתְהַפְּכוּ לְאַהַדְּרָא לְגַבַּיְיהוּ, וְיֵיתוּן עִמְּהוֹן, לְאַגָּחָא קְרָבָא עַל מַלְכָּא מְשִׁיחָא, עכ״ל. ועיין עוד בס״ג שלח תשכ״ז, ובעל הגאולה ועל התמורה (סימן סא).

אמרו חז"ל (ברכות ז:) על הפסוקים תהלים קאַפּיטל ב' דקאי על מלחמת גוג ומגוג.

**נאָר דעמאָלטס פרעגט מען נישט נאָך זיי!** [וכדכתיב על עת מלחמת גוג ומגוג] **יוֹשֵׁב בַּשָּׁמַיִם יִשְׂחָק** (תהלים ב, ד), **דאָס איז דער פשט, דאָס איז דער שְׂחוֹק, ער** [השי"ת] **וועט זאָגן, קוק אָן, איך האָב ענק געמאַכט אַזוי גרויס, כ'האָב ענק געגעבן שטאַרקייט עטץ זאָלט לוחם זיין מיטן מלך המשיח,** [ועתה יתקיים סוף הענין כִּי יִבְעַר כִּמְעַט אַפּוֹ אַשְׁרֵי כָּל חוֹסֵי בוֹ, וכפירש"י כי ברגע מועט יבער אפו עליכם פתאום, ואותה שעה אַשְׁרֵי כָּל חוֹסֵי בוֹ, יהיו ניכרים אשורי החוסים בו].

סב

**אוי! לאָמיר שוין דאָרט האַלטן! און פטור ווערן די אַלע צרות! וועלמיר שוין נישט צוקומען צו אַזאַ לאַגע** [=מצב], **וועט מען נישט זיין אַזוי נידריג.**

**השם יתברך זאָל אונז מקרב זיין לעבודתו יתברך שמו, צו דער אמונה, מ'זאָלמיר נישט פאַרלירן די אמונה.**

**ביטערע גרויסע צרות, ס'זענען גע'הרג'עט געוואָרן אַזויפיל אידן, און וויפיל טויזנטער אידן האָבן פאַרלוירן די אמונה?!, גרויסע ביטערע צרות איז געשען פאַר אידן, יוֹם צָרָה וּמְבוּכָה לְיִשְׂרָאֵל.** [ולא כטעות ההמון ששמחים בימים כאלו].

**אמת הדבר, איך זאָג נישט, טאַקע די וואָס זענען געבליבן דער אייבירשטער זאָל זיי ווייטער אָפּהיטן. ווייסט אָבער השי"ת וואָס ס'וועט נאָך אַרויסקומען פון דעם.**

**השי"ת זאָל העלפן, ער זאָל זיך מְרַחֵם זיין ס'זאָל נישט אַרויסקומען נאָך אַ גרעסערע צרה פון דעם. וואָס קאָן מען וויסן, חלילה וואָס דאָס קען נאָך ברענגען!** [כַּאֲשֶׁר יֹאמַר מְשַׁל הַקַּדְמֹנִי] **מֵרְשָׁעִים יֵצֵא רֶשַׁע!** (שמואל א' כד, יג).

סג

## שוחד הממון מסמא את העינים

[קושיא טו]

צ"ב הלשון שאמרו "מַה בֶּצַע" כי שמרנו משמרתו, דמשמע פירושו מה ממון נתהנה מזה?

[קען זיין] **אַ שטיקל רמז, ס'שטייט אין פסוק, - אין די תורה הקדושה** [ופסוקי הנביאים] **איז דאָך אַלעס מרומז, ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא** (תענית ט.), **- מַה בֶּצַע כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ, וואָס איז דער "מַה בֶּצַע"?**

ובפרשת וישב במכירת יוסף מצינו הלשון "מַה בֶּצַע" כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ, דפירושו "מה ממון נתהני לנא"

[דלכאורה הנה בפסוק וַיֹּאמֶר יְהוּדָה אֶל אֶחָיו] **"מַה בֶּצַע" כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ** (בראשית לז). **זאָגט רש"י** [כתרגומו] **"מַה מָּמוֹן נִתְהֲנֵי לָנָא", שמועסט מען פון געלט.** [וקשה] **מ'האָט** [דאָרט] **געטון אַרבעט פאַר געלט?**

וביארתי הכוונה שם דע"י זה בא אח"כ בזכות יוסף הרכוש גדול של ביזת מצרים, ועי"ז היה גם קריעת ים סוף

**דאָס האָב איך געזאָגט דעמאָלט שוין**[כח] [בפרשת וישב ליישב הפסוק דשם, בהקדם] **ס'שטייט דאָך אין די גמרא** (פסחים קיט.), **יוסף הצדיק וַיְלַקֵּט יוֹסֵף אֶת כָּל הַכֶּסֶף** [מכל העולם] **און פון דעם איז געווען** [שפעטער] **דער רכוש גדול, דאָס איז נישט געווען אין מצרים** [מקודם, נאָר] **יוסף האָט אַריינגעברענגט געלט, און דאָס איז געווען דער רכוש גדול.**

[כח] עיין דברי יואל פרשת וישב (עמוד רנג), ועוד.

KolSatmar.com

דעם רכוש גדול האָט מען געברויכט האָבן פאַר אידן, פאַר די הבטחה [שהבטיח הקב״ה לאברהם וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל (לך טו, יד)].

[ובזה פירשתי המדרש בפסוק] הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס, מה ראה רכוש מצרים בידם, - איז דאָ זייער אַסאַך פשטים, כ׳וועל נישט מאריך זיין, - אָבער דאָס איז געווען די סיבה [של מכירת יוסף], ס׳האָט געהאָלפן צו קריעת ים סוף דער רכוש גדול.

האָבן זיי געזאָגט [מַה בֶּצַע] כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ, [אַז] יוסף הצדיק וועט נישט זיין, וועט דאָך דער רכוש נישט זיין, וועט דאָך פעלן צו קריעת ים סוף.

כ׳האָב געטייטשט [מיט דעם] דעם מדרש (ב״ר פד, ח), למה וַיִּשְׂנְאוּ אֹתוֹ (וישב לז, ד), כדי שיקרע הים לפניהם.

איבערדעם האָט ער [יהודה] געזאָגט ״מַה בֶּצַע״ כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ.

**סד**

ועד״ז צ״ב בכאן איך יתפרש כוונת הכתוב ״מה בצע״ כי שמרנו משמרתו

[ועכ״פ צ״ב בפסוק דמלאכי] נו וואָס איז דער ״וּמַה בֶּצַע״ כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ, וואָס איז דער מַה בֶּצַע [שבפסוק זה, איך יתפרש בכאן כפי׳ רש״י והתרגום מה ממון נתהני לנא] ?

**סה**

**[ביאור קושיא טו]**

שוחד הממון והכבוד שמונח אצל הרשעים, מסמא את העינים מלראות האמת,
וז״ש ״מה בצע״ מה ממון וכבוד נתהנה באם נשמור משמרת ה׳ ולא נחניף להרשעים

נאָר בעונינו הרבים דעס [השוחד דממון] איז די ׳פאַרבלענדונג׳.

לעולם פאַרוואָס האָבן די אַלע נישט אַזוי געזאָגט [כדברינו, שהם כדברי היראי ה׳ וחושבי שמו שיש לשמור משמרת ה׳] ? ס׳האט קיינער [ממנהיגי זמנינו] נישט אַזוי געזאָגט.

נאָר מ׳איז ׳געפאַנגען׳ דערויף, [על הממון].

בעוונינו הרבים מ׳ווערט ׳משוחד׳ פאַר ״תּוֹעֶלֶת״, דאָס ׳געלט׳ און ׳כבוד׳, אַלעס שטייט איין ביי זיי [אצל הרשעים]. מ׳ווייסט אַליין נישט [המנהיגים עצמם] וואו דער סוד איז [במה שאינם אומרים ומגלים האמת]. און מילא נאכדעם גייט מען, דער ׳עולם׳ [=ההמון עם] גייט נאָך [די מנהיגים] כַּצֹּאן לַטֶּבַח יוּבָל, גייען פאַרבלענדעט נאָך.

[וזה שאמר הנביא] מ׳וועט זאָגן ״מַה בֶּצַע״ כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ, פון בלויז ״שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ״ און מ׳וועט נישט עפּעס מיטגיין מיט די רשעים, [אם כן] ״מַה בֶּצַע״ [מַה מָּמוֹן נִתְהֲנֵי לָנָא].

**סו**

# ביאורי הקושיות בפרשתן

**ביאור קושיא ה**

וישמרך מן ״המזיקים״ אינו מיותר, דקאי על פירוש התרגום יונתן כדלהלן

דאָס קען זיין [ביאור אומרו] ״וְיִשְׁמְרֶךָ״, [וכדלהלן].

**סז**

**ביאור קושיא ז**

בתרגום יונתן פורט רק איזה מיני מזיקים, והם אותן הרומזים לסוגי המזיקים מחיילות השטן
שמהם סובלים בני ישראל כעת בגלות, כגון הישמעאלים והציונים

דער תרגום יונתן רעכנט אויס פיר ערליי מזיקים, ס׳איז דאָ מזיקים [כמה מינים].

KolSatmar.com

טאַקע אַזוי ווי מ׳זעה מיר ביי אונז היינטער, טאַקע דיא רשעים דאָרטן די בני ישמעאל זענען מזיקים, מ׳דאַרף פון זיי ניצול ווערן, און ׳די׳ [הציונים] זענען אַנדערע ׳גאַטונג׳ מזיקים, נאָך אַרגערע מזיקים. איז ער מרמז אויף דעם.

אלא שאנחנו אין יודעים בדיוק איך ועל מה הם רומזים

אונז ווייס מיר נישט וואָס זענען די פיר ערליי, די ווייזן עפעס, יעדער איז אַ מזיק אויף אַן אַנדערע בחינה, אין תרגום יונתן איז ער מפרש.

וישמרך מן המזיקים, מיינט מען פון אַלע מזיקים, אַלע ערליי מזיקים, אונז זעמיר נישט קיין מבינים, אונז ווייס מיר דען זייערע שרים, דאָס איז אַלעס די חיילים פונעם ס״מ, די אַלע מזיקים.

ועל זה קאי הברכה יברכך ״השם״ וישמרך, שהצלתינו יבא רק ע״י הקב״ה בעצמו, ואז ננצל מכל אלו סוגי המזיקים

איז **יברכך ה׳**, אַז ס׳וועט עפעס באַשערט זיין אַ ישועה זאָל עס קומען פון הקב״ה.

**סח**

**ביאור קושיא ט**

המדרש מביא הפסוק אך קרוב ליראיו ישעו לשכון כבוד בארצנו, לרמז כי [אז כשיכלו המזיקים האלו, כסגולת יום הקמת המשכן] כשתהיה הישועה ע״י ״יראיו״ אז יוכלו לשכון בארץ ישראל כראוי

דעס זאָגט דער פסוק (תהלים פה, י), **אַךְ קָרוֹב ״לִירֵאָיו״ יִשְׁעוֹ**, דעמאָלטס קאָן זיין **לִשְׁכֹּן כָּבוֹד בְּאַרְצֵנוּ**, קען מען וואוינען אין ארץ ישראל, אַז ס׳קומט דורך ״יראים״. (עיין לעיל סוף אות לג).

**סט**

## בענין הליכה לכותל המערבי

לדעתי אין לילך עוד אל כותל המערבי עד שיבוא משיח

די רשעים מאַכן גאָר גליקליך מיט דער ״כותל״[כט].

איך געדענק נאָך, איך בין געווען אַסאַך מאָל נעבן דעם כותל [בשנת תרצ״ב ובשנת תש״ו], נאָך דעמאָלטס איז געווען אַסאַך האָבן נישט מסכים געווען[ל]. [אבל עכ״פ עתה מעת שכבשו הציונים את מקום המקדש בודאי אין לילך עוד לשם, ועל כן:]

**לדעתי! לדעתי! טאָר מען נישט גיין צו דער כותל ביז משיח וועט קומען!**

איך וויל נישט מאריך זיין, ס׳איז דאָ כמה טעמים[לא], היצט איז נישט די צייט דערפון. איך בין נאָר מזכיר, איך ׳ערוועג׳ עס, איך קאָן עס נישט אינגאַנצן פאַרהוילן. **הַשּׁוֹמֵעַ יִשְׁמָע!**

---

[כט] משנת תש״ח עד שנת תשכ״ז במלחמת ששת הימים, היתה עיר ירושלים העתיקה תחת יד הערביים, ולא יכלו בני ישראל לילך אל כותל המערבי, ואז במלחמה זו כשחזרו וכבשו הציונים את העיר העתיקה ובה הכותל, אז התריעו וצהלו בזה, כי מעתה יוכלו לילך אל כותל המערבי, וזהו אחד מהדברים הגדולים שגרם אז לבלבול המוחות, להיות שמחים ח״ו עם הצלחת הרשעים.

[ל] כי הגאון רבי **יהושע לייב דיסקין** זצ״ל ודעימי׳ היו חוששין שאם הולכין עד הכותל ממש וסומכין עליו, יש בזה חשש איסור של ״ביאה במקצת״ לתוך מקום המקדש שהוא באיסור כרת לטמאים, ע״י שהכותל קצת נטוי בשפוע ועי״ז יש תורת ״אהל״ בסמוך להכותל, ועל כן מנעו עצמם הרבה יראים גם אז מלילך אל הכותל. [וגם רבינו אף שהלך אז עד סמוך להכותל, מ״מ לא הלך עד הכותל ממש, כדי שלא ליכנס בספק איסור ביאה במקצת. וכאן בא רבינו בעיקר לבאר דאפילו באופן שהיה מותר עד אז, הרי מכאן ואילך יש למנוע מלילך לשם כלל, אפילו שלא בסמוך לה אלא מרחוק קצת, מפאת כמה טעמים לאיסור שנתחדש ע״י כיבוש הציונים למקום המקדש].

[לא] וקצת מהטעמים ביאר רבינו אח״כ בהדברי תורה שבסעודה שלישית פרשת שלח וביותר בפרשת קרח תשכ״ז, ובקונטרס על הגאולה ועה״ת (סימן פח-קד).

KolSatmar.com

ע

השם יתברך יְרַחֵם ס'זאָל חלילה נישט זיין אז זיי זאלן מאַכן דערפון אַ מְעָרַת פְּרוּצִים פון דעם מקום המקדש.

אוי וויי! אוי וויי! ס'איז נישט צום אויסצוהאַלטן אַז מען דערמאַנט זיך דאָס. ביי די רשעים אין די הענט, איינשטיין חלילה דער מקום המקדש.

עא

איך וועל נישט מאריך זיין מיט דרושים, ס'איז מיר שווער[לב].

עב

ביאור קושיא ג

קניית הבכורה מן עשו מכוונה בשם לא יגרע מצדיק "עיניו", כי מן הדין היתה הבכורה ראוי בעצם רק ליעקב, וכל הקנייה בדמים היהי רק למראית "העין" בפני הבריות שהם יודו ג"כ בזה

לֹא יִגְרַע מִצַּדִּיק "עֵינָיו". ער [יעקב אבינו] האָט נישט געברויכט די בכורה 'קויפן', [כאָטש] עשו איז א בכור [ללידה, אבער] ער איז נישט ראוי געווען ממילא [לעשות העבודה, ומאחר שיעקב היה ראוי, מגיע לו הבכורה מן הדין].

ס'איז נאָר [געווען קניית הבכורה] "למראית העין", אַז מ'זאָל זען.

[וזה שדרש המדרש הפסוק לא יגרע מצדיק "עיניו" על מה שהקב"ה לא מנע מיעקב מה שחמד את הבכורה לשם שמים, כי אפילו למראית העין נתגלה לבריות שהוא הבכור, ע"י שעשו מכר לו בכורתו][לג].

עג

דער אייבירשטער זאָל העלפן [שלא יגרע מבני ישראל "עיניהם"], מ'זאָל האָבן "אויגן" לעכטיגע, מ'זאָל 'זען' דעם אמת.

עד

ביאור קושיא ו

ישמור לך את הקץ, איך וועל נישט מאריך זיין.

עה

ביאור קושיא י

השש עגלות נגד ששת ימי בראשית, רומזים על כל הששת אלפים שנה של עמידת העולם עד שיבוא משיח

דאָס איז געווען עד סוף כל הדורות האָבן זיי געגעבן שֵׁשׁ עֶגְלֹת צָב, קעגן די ששת ימים [ולכאורה קשה למה לא הביא כנגד שבת].

דער רמב"ן זאָגט (ר"פ בראשית) די ששת הימים זענען אַקעגן די ששת אלפים [שָׁנִים שהעולם עומד, ולזה הביאו שֵׁשׁ עֶגְלֹת צָב דוקא כנגד ששת הימים שמרמזים עד סוף ששת אלפים שנה].

עו

ביאור קושיא יא

וכיון שרומז עד סוף אלף הששי, שאז צריכין להכין עצמם לאלף השביעי, על כן מביא המדרש לכאן את הפסוק וְהָיָה בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי [באלף הששי] וְהֵכִינוּ אֵת אֲשֶׁר יָבִיאוּ לשבת קודש [לאלף השביעי]

[וזה שאמרו במדרש המובא בישמח משה, הה"ד וְהָיָה] בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי וְהֵכִינוּ אֵת אֲשֶׁר יָבִיאוּ, סוף אלף הששי ברויך מען מכין זיין אויף שבת.

---

[לב] כאן רמז רבינו על מה שקיצר בתורה זו מלבאר הדרוש ולישב הקושיות בפרשתן על בוריין כדרכו בקודש, ואמר התירוצים רק בקוצר אמרים על רוב הקושיות, ועל קצת קושיות לא רמז כלל איך יתורצו. והסיבה לזה כמו שסיפר רבינו אח"כ בביתו שהוכרח לקצר מחמת שהרגיש כאבים בלבו הטהור, מגודל סערת לבו על המצב דאז שהתגברה ל"ע רוח הכפירה בעולם.

[לג] ועי' בדברי יואל נשא (עמוד קלז.) וז"ל, דהנה יעקב אע"ה חמד את הבכורה מעשו, הוא מטעם שראה בספרו של אדם הראשון, שהכהונה וכל המעלות הנתונות לבכור, שייכות לו, אלא שלא היה הדבר ידוע בעולם, שהיו סוברים שהבכורה שייכת לעשו, עד שקנה אותה יעקב אע"ה הימנו בדמים, עיי"ש.

KolSatmar.com

**עז**

## סיום התורה וברכת הקודש

**דער בורא כל עולמים זאָל העלפן, ס׳איז שוין באַלד ׳סוף׳ שוין פונעם אלף הששי.**

**עח**

בג׳ מאות שנים האחרונות של האלף הששי, או מעט קודם או מאוחר מעט, אַז הוא זמן ביאת המשיח

כ׳האָב נאָכגעזאָגט[לד] וואָס דער **אבן יחייא** זאָגט (בפירושו לדניאל ט׳) **אַז די לעצטע דריי הונדערט יאָר** [של אלף הששי] **האָט מען געגעבן פאַר אידן ימות המשיח, עפּעס** [שנים קרוב לזה] **אָדער פריער אָדער דערנאָך.**

**בעוונינו הרבים ס׳איז שוין דורכגעגאַנגען זיבן און צוואָנציג יאָר פון די לעצטע דריי הונדערט יאָר.**

**אוי ! ווילאַנג נאָך ? ווילאַנג נאָך ?**

**עט**

**דער בורא כל עולמים זאָל זיך מְרַחֵם זיין עַל עַמּוֹ וְעַל אַרְצוֹ.**

**מ׳זאָלמיר געהאָלפן ווערן במהרה מכל צרה וצוקה.**

[ויתקיים הברכה] **ישמור לך את הקץ.**

**מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו טוהן תשובה שלימה פאַרן בורא כל עולמים ! וועט שוין נישט קומען אַזעלעכע ביטערע צרות !**

**אוי ! מ׳זאָלמיר געהאָלפן ווערן, מ׳זאָלמיר זוכה זיין מ׳זאָל דבוק זיין אין הקדוש ברוך הוא.**

**מ׳זאָלמיר זוכה זיין במהרה לישועת ישראל, בהתרוממות קרן התורה וישראל, בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.**

---

[לד] ליל יו״כ תשכ״ו, עיין דבר״י ליו״כ אות לט.

KolSatmar.com